STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06137

FELZEN KLYANGEN

Samuel Burshtyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



סעמועל באָרשטין.

געבוירען אין 1885, אין „בענטשין“, אין די נאָהנטע אומגעבונג פון שטאָדט „קיעלץ“, (געוועזען רוסיש פוילען.) די יוגענד יאָהרען געוועזען אין „קיעלץ“ נאָכהער געוואַנדערט איבער לאָנדאָן, פּאַריז, דייטשלאַנד, שווייץ, עסטרייך און יעצט אין אַמעריקאַ.

סעמועל באָרשטײן.

פעלזען קליאַנגען

ניו יאָרק, 1917.

COPYRIGHT 1917
BY
SAMUEL BURSHTYN

277 גרייזעל פרעסס, 129 לאפאיעט סטריט, ניו יארק

פּאָעזיע

(אויס מיין וועלט אידעאַל.)

ווען דער טרוימער־מענש דער פּאָעט קומט אָן אין אַ מדבר פּאָעטיזירט ער אויך, — ער האָט נישט אַרום זיך די פּאָעטישע לאַנדשאַפטען, די שעהנע בערג און טהאָלען, די שעהנע וועלדער בלומען און גערטנער, — די פּאָעזיע איז אין דעם גייסט, אין די זעעלע פון פּאָעט, וועלכער בענקט און בעגעהרט נאָך די פּאָעטישע וועלט פון שעהנהייט, מוזיק, מאַהלעריי און וואונדערליכע לאַנדשאַפטען. — די פּאָעזיע איז אַלזוי איין אינערליכע בעשטרעבונג און עדעלסטע אינטעליגענץ פון מענשענס גייסט און זעעלע וואָס בעשאַפט זיך נישט פון די אויסערע וועלט, נאָר די אויסערע וועלט ווירקט צוזאַמען מיט דעם גייסט און כאַראַקטער פון דעם דיכטער'ס געבוירענע אייגענשאַפטען. — איז זיין אויסערע וועלט אויך פּאָעטיש, בעשאַפט זיך די שעהנע האַרמאָניע פון פּאָעטישען אידעאַל פאַלקאָמענער, העכער, אין אַן איבערמענשליכע מאַכט — אין אַ מענשליכען געזינד — וואָס ברענגט דאָס פּאָעטישע גליק.....! דער זינגער זינגט אַ ליעד. געזאַנג איז אָבער נור אַ פּאָעטישע סטרונע — דער פּאָעט בעשאַפט אַ קאָמפּאָזיציאָן פון אויסדערוועהלטע און שעהנסטע מוזיקאַלישע ווערטער צוזאַמען פעראייניגט מיט דעם געניאַלען געדאַנק און מיט די העכסטע אינטעליגענץ און האַרמאָניע פון זיין גייסט און זעעלע. דאָס איז פּאָעזיע.....! עס מוז אָבער אויך זיין די פּאָעטישע בעשטרעבונג, די פּאָעטישע מיסיאָן — און דאָס איז די שעהנהייט, צערטליכקייט, עדעלטהום, געזינד און וואַרהייט — דאָס אידעאַל פון גליק און ליעבע — דאָס האַרמאָנישע אידעאַל און דאָס אידעאַל פון די גאָטהייט — די מענשליכע גאָטהייט... ווייל אין דאָס שלעכטע איז נישט דאָ קיין פּאָעזיע, — עס טרעפט זיך אָפט אַז אַ דיכטער בעזינגט עטוואָס ביוזעס — אָדער דער דיכטער וועלכער ערקלעהרט אַז ער געפינט אין אַלעם פּאָעזיע — אין אַלעס וואָס עגזיסטירט, — אין דעם גוטען ווי אין דעם ביוזען, אין דעם שעהנעם ווי אין דעם נישט שעהנעם — דער דיכטער איז זיכער נישט בעוואוסט איבער דאָס פּאָעטישע אידעאַל — ווייל דאָס זענען נור קראַנקע סימפּאַטהיען און איינבילדונגען וואָס האָבען נישט אין זיך דעם אמת אין דעם ריכטיגען געדאַנק. — דער הימעל, די זון, די שטערען, דער וואַלד, דער גאָרטען איז שעהן, איז פּאָעטיש וואָס ווירקט צוזאַמען מיט די פּאָעטישע זעעלע פון מענש. — אָבער איז דאָס אַלעס אָהן דעם מענשענס זעעלע פּאָעזיע? געוויס נישט. אַלע שעהנהייטען פון די וועלט זענען נור פּאָעטיש. קומט אָבער דעם מענשענס זעעלע, ווערט עס צוזאַמען פּאָעזיע...

די פּאָעזיע בעשאַפט זיך אין שטילקייט, אין רוה, ווען דער געדאַנק איז לויטער און בערוהיגט. ווען אָבער מיר זענען בערוישט ווילען מיר פערגעסען אונזער אונגליק און מיר זינקען פון פּרימיטיווע נאַטור בעהערשט, — מיר ווערען אָבער אויך בעגייסטערט פון שטורם, פון דעם מעכטיגען ים, פון דעם דונער, פון דעם בליץ, — און ווירקליך איז דאָס שעהן, פּאָעטיש... דאָס איז אָבער נאָך נישט קיין פּאָעזיע, — ווען מיר בעזינגען אָדער מיר שאַפען פּאָעזיע פעראייניגט מיט די געוואַל־טיגע ערשיינונגען פון די מעכטיגע נאַטור, מוז עס האָבען אין זיך די זעעלע פון דאָס גוטע און די עדעלסטע בעשטרעבונגען פון אונזער מענש־ליכע אינטעליגענץ, ווייל פּאָעזיע בעשטרעבט גליק, ליעבע, שעהנהייט, עקסטאַזע, האַרמאָניע און מוזיק... פּאָעזיע איז דאָס אייביגע אי־דעאַל, ווייל מיר מוזען אימער ליעבען, אימער שטרעבען צום גליק גליקליך צו זיין... ווייל מיר מוזען אימער בענקען נאָך דאָס הערליכ־סטע און שעהנסטע, ווייל אונזער זעעלע איז זעלבסט מוזיק... און אויך אין די נאַטור, אין די עגזיסטענץ פון אַל לעבט אויך דאָס אייביג פּאָעטישע, און ווייל מיר שטרעבען אונבעוואוסט אָדער בעוואוסט אַז אונזער גאַנצעס לעבען זאָל עס ווערען — פּאָעזיע.... צו וואָס דאָס לעבען איז אייגענטליך בערופען, — און ווען מיר ווען האָבען דער־גרייכט אונזערע העכסטע פּאָעטישע אידעיאַלען וועט די פּאָעזיע זיין די זעעלע פון די וועלט, די זעעלע פון לעבען וואָס וועט בעשאַפען און ברענגען געטליכקייט... וועלען די מענשען בעקומען עמפּפינדונגען פון צאַרטע מאַכט און די אויגען וועלען זיין געזונד און עמפּפינדליך צום העלסטען זעהען, און איבערמענשליך וועלען מיר בעוועלטיגען דאָס לעבען אויף מאָראַלישע, עטהישע גרונד־פּרינציפּיען פון העכסטע קלוג־שאַפט און אינטעליגענץ, — פון געטליכע אינספּיראַציאָן.... — איז דאָס מעגליך? פרעגט דער פּעסימיסט און דער סקעפּטיקער. וואָס איז דער מענש? דער מענש שטעהט אויף די ערד און מיט זיין געניאַלען קאָפּ שטייגט ער אין די הימלען... דער מענש קען ווירקליך פאַלען און זינקען — ער קען אָבער אויך שטייגען נאָך מעכטיגער און בעגייס־טערט פון זיינע אייגענטליכע אידעיאַלען נאָך דעם גליק און די בענק־שאַפט — אין ליעבע... דער מענש מוז קומען צו די מדרגה, און דאָס לעבען מוז נאָך מעהר קומען צו די אייגענטליכע מדרגה אַז מענשליכע דעקאַדענץ זאָל זיין איין אונמעגליכקייט — אַז דער איינצעלנער מענש ווי די מענשהייט אין אַלגעמיינעם זאָל מעהר נישט קענען זינקען און פאַלען צו גרונד, נור זיי זאָלען זיין מעכטיג אין לעבען, אין דעם גוטען גייסט און פּאָעטישע זעעלע וואָס זאָל נאָך טויזענדער מאָהל מעהרער איבערשטייגען די מאַכט וואָס מיר זעהען אין די קונסט־בילדער פון די גריעכישע טיטאַנען און גיגאַנטען....; דער מענש קען שטאַר־בען — דער מענש קען לעבען — און אַז דער מענש שטאַרבט? דערפאַר דאַרף דאָס לעבען זעלבסט אויך זיין ווי אַ שטאַרבען? ניין! — דאָס לעבען זעלבסט איז העכער און איז איבער און בעזיעגט דאָס מענשליכע שטאַרבען — דער מענש קען ווירקליך דערגרייכען איין איבערמענש־

ליבע מדרגה און ווערען זיין איגענער גאָט... יעדע צייט האָט זיך געהאַט זיינע נביאים וואָס האָבען די מענשען בערופען צום אידעיאַל, צום מענשליכען צוועק — דער נביא האָט אימער בעליכטיגט דעם וועג און געלערנט דעם מענשען דאָס גוטע, — ער איז געקומען דער פּאָעט אַלס נביא, אָדער „דער נביא אַלס פּאָעט". דער „נביא", וואָס מיינט נור אין בעדייטונג פון וואָרט דער „וויסענדער", האָט נישט נאָר געהאַט בלויס צו זאָגען וואָס ער ווייסט, נור ער האָט אויך געהאַט די מיסיאָן מיט זיין פּראָפהעטישען גייסט איבערצושאַפען דאָס לעבען אין שעהנערע פאָרמען פון געטליכען זיין צו הויכע מענשליכקייט, — און ער איז געקומען מיט אַ שעהנע שפּראַך גלייך צו איין הימלישע מוזיק און געזאַנג צו בעוויירקען די מענשהייט פאַר דאָס פּראָפהעטישע אידעיאַל וואָס בעגעהרט נור דאָס גוטע — די ליעבע און דעם פריעדען — אַז דאָס לעבען זאָל זיין אַ געטליכקייט, אַ הייליגקייט. די ערד זאָל אין שעהנהייט — אין איין אייביגען פריהלינג פאַר דעם מענשליכען גייסט זיך פאָרמירען אין געשטאַלטען — די וועלט זאָל זיך מיט שטאָלץ קענען שפּיעגלען אין דעם לויטער־עטהערישען בלויען הימעל, און דאָס איז אויך דאָס רעליגיעזע געפיהל אין דער פּאָעזיע. דער מענש האָט זיך געשאַפען פיעל רעליגיאָנען און ביז היינט נאָך נישט געפונען די אייגענטליכע רעליגיאָן פון אמת צו די נשמה און זעעלע פון די מענשהייט... דער מענש האָט זיך אַלע מאָהל גענאַרט אין זיינע רעליגיאָנען — און זיין ריכטיגע רעליגיאָן האָט ער ריכטיג נאָך נישט געשאַפען, — זיין רעליגיעזעס געפיהל איז אָבער אייביג פּאָזיטיוו... דאָס רעליגיעזע געפיהל איז אייביג אין די מענשליכע נשמה — דער מענש זוכט אייביג און מוז געפינען און וועט געפינען די אייגענטליכע רעליגיאָן וואָס וועט פעראייניגען אַלע מענשען אין אַ בעקענונג אַלס ברודער און שוועסטער פון ליעבע און פריעדען, און דאָס וועט אייגענטליך די פּאָעזיע זיין וואָס וועט פיהרען דעם מענשען צו די ריכטיגע רעליגיאָן פון אייביגע געטליכקייט... און וואָס איז נאָך וועלטליכער צו דעם אלוועלטליכען גליק און פריעדענס נבואה פון ישעיה הנביא? די נבואה פון אונזער פּראָפהעט ישעיה וואָס קען נור ווירקליך ווערען דאַמאָלסט ווען די מענשליכע זעעלע און נשמה איז אין אַ גרויסע מדרגה פון עדעלטהום און אינטעליגענץ, און ווען דאָס אַרומיגע לעבען און אומגעבונג איז אויך אין האַרמאָניע צו אונזער סענטימענט און זעעלע,— און ווען מיר האָבען אונזער פּאָעטישע זעעלע עמפּפונדען... ווייל נור די פּאָעזיע קען ברייננען די פריעדענס־ליעבע אויף די וועלט. פּאָעזיע איז די גרעסטע געטליכע מאַכט וואָס בעוועלטיגט אונז אין דעם עדעלסטען הומאַניזם. — ווען מיר הערען בעטהאָווענס אָדער שאָפּענס מוזיק, דאַמאָלסט האָבען מיר זיך זעלבסט ליעב און מיר ליעבען אויך דעם אַנדערען. דאָס איז — דאָס פּאָעטישע פון די מוזיק וואָס בעוועלטיגט אונז. — ווען מיר לעזען די פּאָעזיע פון אַ באַדלער, פון אַ ווערלען, דעם צאַראַטהוסטראַ פון אַ פריעדריך ניעטשע, אָדער דעם מאַנפריעד פון לאָרד בייראָן, ווערען אונז ענטפּלעקט נייע הימלישע וועלטען פון ליעבע

און הויכעס, איבערמענשליכעס לעבען. — די פּאָעזיע איז אַלזוי אויך מיט רעכט די זעעלע פון פריעדען און ליעבע, וואָס וועט אין גאַנצען פערמיידען דעם קריעג און האַס פון מענש צו מענש און פון פאָלק צו פאָלק, ווייל דאָס מענשליכע צוזאַמען־לעבען און די מענשליכע אָרגאַניזאַציאָן וועט נישט נור זיין אין הויכע אינטעליגענץ נור אויך די אומשטענדען, אומגעבונגען, — און די אַטמאָספּערע וועט זיין די אייגענטליכע פאַר אונזער מענשליכען סענטימענט אין נשמה וואָס איז אַזוי צאַרט ווי די הימלישע מוזיק.... ווי די מלאכים מוזיק פון אונזער גרויסען קאָמפּאָזיטאָר רובינשטיין — די עדעלע מוזיק פון דעם געניאַלען מוזיק־פּאָעט ערוועקט אין דעם מענשען דעם גוטען בעגעהר. די שלעכטע מוזיק פון לייכטזין און פּרימיטיווען גייסט פערפיהרט דעם מענשליכען סענטימענט צום שלעכטען בעגעהר. — ווען דער געוועהנליכער מענש הערט איין קריעגס־מאַרש געהט ער איהם נאָך רהיטמיש צום טאַקט און קריעגס־פערטיג, — זאָגאַר ווען דער אייגענטליכער מענש האָט קיין אורזאַכע קריעגעריש צו זיין, און ווען אָבער דאָס עדעלע און די פּאָעזיע וועט בעשאַפען דעם זין פאַר דעם לעבען וועט זיכער דאָס שלעכטע און בייזע (לאַנגזאַם אָבער פּאָזיטיוו) פערשווינדען, — און דאַמאַלסט דערגרייכען מיר דאָס פיעל־געטרוימטע גן־עדן אויף אונזער ווירקליכע וועלט, — ווי די מענשען וועלען לעבען אין לויטער ערליכקייט. — עס איז נישט צו לאַכען דערפון, — נור ערנסט צו פערשטעהן ווארום די מענשהייט האָט זיך אין די פאַנטאַזיע פערשיעדענע פּאַראַדיעזען פאָרגעשטעלט. די מענשהייט האָט פּראָפּהעטיש געאַהנט דעם צוועק און ציעל פאַר די מענשליכע בעשטרעבונג — און מיר זענען זיכער נור געבענשט מיט הויכען גייסט און זין אַלעס העכסטע געטרוימטע אין אונזער ווירקליכען לעבען צו בעוועלטיגען. — ווי אַזוי קען עס בעשאַפען ווערען אין רעאַלע ווירקליכקייט? דאָ קענען מיר בעשטימט ענטפערען: דורך די שטאַרקע בעשטרעבונג צו שעהנהייט, קונסט און ווידער פּאָעזיע... אַז אונזער שטאָדט זאָל ווערען איין ראָמאַנטישע שטאָדט פון שעהנע גערטנער און ערליכע וואָהנונגען, אַז אונזער דאָרף זאָל זיין מיט לויטער וואונדערליכע לאַנדשאַפטען און גאָרטען־וועלדער... און אַלעס צוזאַמען זאָל געהן אויף דעם וועג צום ציעל, וועלען מיר מיט פרייד קענען זינגען דאָס ליעד פון

די נייע וועלט:

אָ, ווי העל און ליכטיג געהט דאָס לעבען
צו אונזער אידעיאַל מיט גרויסע מאַכט,
און אַ יעדער מענש האָט זיך זיין שטרעבען,
און עס לעבט זיך פריידיג אין טאָג און נאַכט,
עס שוועבען אַרום מוזיק, געזאַנגען,
די הייזער זענען פּרעכטיג וואונדער־שעהן,
בוימער, בלומען־דופט און האַרפען־קלאַנגען,
און אַ יעדען מענשען איז דאָס גליק צו זעהן.
און מאָרגען, צו היינט — און היינט צו מאָרגען...

דאָס גאַנצע לעבען פון ליעבע בעשײנט,
אַלע מענשען זענען פרײ פון זאָרגען,
און אַלע מענשען אין ליעבע פעראײנט...

און פרײד דיך מענש אין לויטער גליק און ליעבע... ווײל פרײד גריסט אַיעדען בעזונדער — און אויך אַלעמען בענשען, ווײל מיר זענען פרײ־דען־קינדער — און ווײל מיר זענען מענשען... און מיר דאַרפען נישט פערגעסען אַז דער מענש קען נישט לעבען אײביג... — דער מענש קען לעבען — אײביגקײטען... ווײל אין דעם גליק לעבט דער מענש די אײביגקײט, ער ווײסט דאַמאָלסט נישט פון קײן צײט. אין די ליעבע לעבט דער מענש די אײביגקײט... ער איז אין די מאָמענטען פעראײניגט מיט די אײביגע געטליכקײט פון די וועלט, — אין די שעפּפונג פון קונסט, אין די הימלישע אקאָרדען פון די געטליכע מוזיק, אין די הימלישע פּאָעזיע, דאָרטען לעבט דער מענש די אײביגקײטען. — און וואַרום איך בעריהר דאָס אַלעס אין מײן פילאָזאָפיש־פּאָעטישע שטודיע איבער פּאָעזיע? — איהר זאָלט וויסען זײן, אַז פּאָעזיע איז אַ הימלישע וועלט, אַ הימלישעס לעבען וואָס פעראײניגט אין זיך אַלעס וואָס איך האָב דאָ בעריהרט. — ווײל איך ווײס אַז עס זענען אויך דאָ פּאָעטען וועלכע וויסען נישט איבער דאָס פּאָעטישע אידעיאַל, און דענקען אַז דאָס פּאָעטישע געדיכט, דאָס פּאָעטישע ליעד איז אַלעס וואָס די פּאָעזיע בעהימעלט. זײ וויסען נישט אַז דאָס פּאָעטישע ליעד איז די פּאָעזיע פון דער פּאָעזיע....! און אַזוי איז דאָס אידעיאַל פון פּאָעזיע אַלס אײביגע בעשטרעבונג פון אונזער מענשליכע זעעלע און גײסט, און צוגלײך פּאָזי־טיווע וועלט־„אַנשויאונג“ צו אונזער לעבען, צום גליק — צו פרײד, צו ליעבע...!

דאָס אַריסטאָקראַטישע אין דער מוזיק

דער מענשליכער כאראקטער פון סוביעקטיווע טיעפקײט און עקסטרעמע אינדיווידואליטעט ערשטראהלט צו העלסטען אין די מוזיק פון "פריעדריך שאָפּען", — עס איז אײן פענאָמען־געניאלער אינדיווידואליז־מוס פון געטליכע אויסדערוועהלטהײט און אריסטאָקראטישע אינטעליגענץ אין בעסטען זין פון וואָרט — עס פיגורירען צווײ געניען אין אונזער מענשליכע וועלט, — אײן געניע וואָס נעהמט אויף אין זיך אלעס אויסערע וואָס רינגעלט איהם ארום און ער רעפאָרמירט און בעשאפט עס אין נײע געשטאלטען אונטער די ווירקונג פון זײן גײסט, זעעלע, און כאראקטער. — און דער צווײטער געניע וואָס ווערט געבאָרען מיט אײן זעעלע און גײסט וואָס איז אין קאָנטראסט צום גאנצען לעבען אין די פּראָזאַאישע וועלט, — דער געניע קען זעהר װעניג בעווירקט ווערען פון די ארומיגע וועלט, דאָס גאנצע לעבען קומט אין א קאָנטראסט און דיסהאַרמאָניע מיט זײן גײסט אין זעעלע וואָס איז — פון פּראָפעטישען כאראקטער. — דער געניע בעשאפט אן אײגענע וועלט פון הויכע אידעאלע ווירקליכקײט

אין קאָנטראַסט אקעגען די קליינע פּראָזאישע ווירקליכקייט פון אונזער ערדישעם לעבען. דאָ ווערט אונזער געניע איין איבערמענש און א האלב געטליכער שעפּפער פון הימליש־אידעאלע מיסיאָן וואָס שטרעבט צו די העכסטע הויכקייט פון לעבען, פּאָעזיע, נבואה, קונסט, ליעבע, גליק, שעהנהייט, מוזיק און האַרמאָניע....!

איינציג איז די שעפּפונג פון יעדען גרויסען געניע, — אזוי איז ווירקליך איינער דאָ אין דער מוזיק, וואָס איז „פריעדריך שאָפּען“, וועלכער האָט בעשאפען אַן אייגענע וועלט אין דער מוזיק... פריעדריך שאָפּען איז אין דער מוזיק איין מענשליכער סימבאָל, — די מענשליך סוביעקטיווע זעעלע אוים די געוואלטיגע אקאָרדען־שפּראך און די שאָפּענישע מוזיק איז איין פּסיכאָלאָגישעם ענטהילען פון די מענשליכע נשמה, פון די מענשליכע בענקשאפט, פון וועלט שמערץ, פון מענשליכען אהנען, און פון מענשליכע טרוים וויזיאָנען.....

עס איז איין איבערמענשליכעם פליסטערען פון איין הויכע עדעלזעעלע וואָס פעראייניגט אין זיך אלוויסענדעם מיט די געהיימע רעטזעלפערבאָרגענהייט פון דעם אלזעהערישען ספינקס.

יעדעס גרויסע סאָלאָ־אינסטרומענט האָט אַן אייגענע פּסיכיק. — די מיסטעטישע האַרפע האָט א כאראקטער פון שטאָלץ און דעקאדענץ.... אין א ווייס גרוען אלטערטהום מיט די קינדליכסע יוגענד און מאַנדשיין שטראהלען געהילט קומט מיר אנקעגען די פאנטאסטישע וויאלין... דער וויאלין־טשעל האָט די פּסיכיק פון די צאַרטע מענשליכקייט און וועלט־טראגיזם פון דעם פייערליכען זונען אונטערגאנג.... און דאָס הימלישע קלאוויר וואָס פעראייניגט אין זיך אלעם — אלע פיינהייטען שיינט מיר ווי איין וואלד מיט נאכטיגאלען געזאנגען אין דעם עדעלסטען ליריזם....

די גרויסע לירישע ברידער פון פריעדריך שאָפּען, וועלכע זיינען זאָגאַר קאָנטראַסטען אין זייערע שעפּפונגען, דאָך לירישע ברידער... דאָס זענען פריעדריך ניעטשע, לאָרד בייראָן, באדלער, עדגאר עלען פּאָע, ווערלען, פּשיבישעווסקי, שלמה המלך, דאַנטע, אַרנאָלד בעקלין, פראנץ פאָן שטוק, — און נאָך א געוויסער קרייז פון איינצעלנע. — גרויסע קאָנטראַסטען. גרויסע ברידער פון הויכען ליריזם, דער ליריזם פון פריעדריך שאָפּען איז אימאנענט און דערגרייכט די העכסטע הויכקייט, אין איינציגע דריי טענער קענען מיר דערזעהען דעם טיעפסטען אָבגרונד, דעם אייביגען וועלט־טראגיזם צוזאמען מיט די הימלישע געטליכקייט פון האָפנונג און העלסטע זונען שטראהלען, גלויבען, אייביגקייט און ליעבע, דאָס איז דאָס געוואלטיגסטע אין שאָפּענס מוזיק.

און אזוי טיעף ווי פריעדריך שאָפּען לעבט אין דער מוזיק, אזוי ערהויבט זיך ריכארד וואגנער איבער די מוזיק. פריעדריך שאָפּען איז איין סענטימענטאלער כאראקטער אריסטאָקראט, און ריכארד וואגנער איז איין גייסטיג־אידעאלער אריסטאָקראט פון פילאָזאָפישע געניאליטעט, — און די וואגנערישע מוזיק שטורמט דעם ים פון אלמענשליכען לעבען אין

א וועלט פון אידעען און גייסטיגע האָריזאָנטען פון ליעבע, האס, רעליגיאָן, בענקשאפט, גליק, קאמפף, פריעדען, פריידיגקייט און אזוי ווייטער.

ריכארד וואגנער איז אין זיין קונסט דער גרעסטער מאָדערניסט פון אונזער צייט, טראָטץ דעם וואָס ער איז אויך זעהר פרימיטיוו, — ער האָט אַמ׳בעסטען פערשטאַנען ווי אַזוי צו פעראייניגען דאָס מאָדערנע מיט דעם פרימיטיווען, די רעאַליטעט מיט די אידעאַלע ראָמאנטיק. דאָס ראציאָנאלע מיט דעם אבסטראקטען סימבאָל, דאָ ערשיינט ריכארד וואגנער דער וואונדערליכסטער מייסטער פון פאָלקאָמענהייט, — עס איז א וועלטליכע — אלקאָסמישע מוזיק וואָס שוועבט ווי איין עטהערישער רינג אַרום די זעעלע פון לעבען, גליק, בענקשאפט און הומאניזם.... און די טענער און אקאָרדען ערהייבען זיך צו די העכסטע הויכקייט, — שטורמישער ווי די ריעזיגסטע כוואליעס אין דעם אטלאנ־טישען אָקעאַן, — איין כוואליע שלינגט די צווייטע און אזוי ווי דער דונער און בליץ מאכט אונז וויסען איבער א געוואלטיגע מעכטיגקייט אזוי אהנען מיר אויך די פערבאָרגענע איבערמענשליכע מאכט אין די וואגנערישע מוזיק, — די מוזיק פון קאָמפּליצירטעסטע האַרמאָניען, — אַ גרופּירען זיך אין אַ צענטרום און אַ צוריק־שוועבען אין אַ כאַאָס... דאָ סימבאָליזירט זיך דער גאנצער פּראָצעס פון נאטור און וועלט.

ריכארד וואגנער איז אין זיין מוזיק א ניעטשע אריסטאָקראט נאָך צאראטהוסטראס בעגריעף, — דאָס זעלבע קענען מיר זאָגען אומגע־קעהרט, — איין צאַראַטהוסטרא אריסטאָקראט נאָך ניעטשעס בעגריעף, עס איז דאָ פיעל אייגענטליכעס אין דעם מעכטיג־דראמאטישען פון די וואגנערישע מוזיק מיט די פילאָזאָפיע פון פריעדריך ניעטשע, — איך מיין הויפטזעכליך די מוזיק, ניט דאָס ליטעראַרישע פון וואגנערען, — ווי וויט וואַגנער האָט פעראייניגט זיין מוזיק מיט זיינע דיכטונגען איז אָבער אויך דאָ א גרויסע זעלבסטשטענדיגקייט אין זיין מוזיק וואָס האָט אין זיך אויך איין אנדערע בעזונדערע וועלט. — א וועלט פון איבערמענשליכקייט רעאגירט דורך די איבערמענשליכע מאכט ווי אין די פילאָזאָפיע פון פריעדריך ניעטשע, — דאָס מוזען מיר זעלבסט עמפפינדען.

די וואגנערישע מוזיק איז אביעקטיוו, — זי שיינט מיר ווי א פיינ־סטע לופט אטמאָספערע אַרום א בלומען פלאנעט פון לויטער ליעבע און אונשטערבליכקייט, אָבער עס איז אויך צום ערשט פאר אלעמען איין סוביעקטיווע מוזיק, — אביעקטיווע הערליכקייט און סוביעקטיווע טיעפקייט, — און ווי טראַגיש זיינען די טענער פון שמערץ און צווייפעל, פון שטייגען און פאלען, און ווי מעכטיג ערשאלען די טענער פון גלויבען, ליכט און האָפנונג, — אָדער די פּראָפהעטישע אַקאָרדען און טרוים־וויזיאָנען פון אונזער מענשליכע נשמה.... עס שיינט ווי עס וואָלט קומען פון די ווייטעסטע הימלישע רעגיאָנען מיט א גאָט׳ס שפּראך דורך דונער און בליצען און וואָלקען, דורך נעבעל און פינסטערנישען, מיר דערמאָנען זיך דאָ אן די ביבלישע שילדערונג ווי גאָט האָט אויס־גערופען די מאָראלישע פּרינציפּען אויף דעם בארג סינא. די מעכטיגקייט,

— די מענשליכע מעכטיגקייט איז א גאָר גרויסער מאָטיוו אין די וואגנער־רישע קונסט. ביי קיין איינעם פון אונזערע מוזיק געניען קומען זיך נישט אזוי צונויף די עקסטרעמען און עלעמענטען פון נאטור און וועלט...!

עס איז געוויס קיין וואונדער, וואָס אין די דראמען נעהמען אנ־טהייל אלע פערגייסטיגונגען פון די מענשליכע וועלט, — ווי עס יראָלי־רען — מלכים און פרינצען, פירשטען און גראפען, קעניגינען און פרינצעסינען, גייסטליכע הויך־מענשען, פיזישע טיטאנען און גיגאנטען, פאָלק און די געטער וועלט פון הימלישע און ערדישע בעוועלטיגונגען און אלע קרעפטען פון נאטור.

ריכארד וואגנער איז אלזא דער אידעאלער אריסטאָקראט,, — דער פילאָזאָפישער און סאָציאלער, דער וועלטליכער, און פריעדריך שאָפען איז דער כאראקטער אריסטאָקראט פון מענשליכען סענטימענט, פון סוביעקטיווע אימאַנענץ...

איך האָב אַלזאָ אין מיין פאָעטישע אימפּרעסיאָנס שטודיע געשאַפען אַ פּאַראַלעל "וואגנער" און שאָפען", ווייל זיי זיינען די איינציגע רעפרע־זענטאַנטען פון דעם אריסטאָקראטיזם אין דער מוזיק, — בעטהאָווען איז פאנטהעאיסטיש, און גלוק איז קלאסיש און הימליש. מאָצאַרט, וועבער, דער מאָדערנער שטראַוס, — קיינער רעפרעזענטירט נישט אַזוי דעם אריסטאָקראטיציזם ווי וואגנער און שאָפען.

די „פאָעטישע אימפעריע" —
און דער „פאָעט אימפעראַטאָר".

די "פאָעטישע אימפעריע" איז דאָס גליק, די ליעבע, די שעהנהייט — די קונסט, די מוזיק, דאָס לעבען — דער אידעאליזמוס.... און ווען דער דיכטער האָט דערגרייכט די הויכקייט און האָט אין זיך די פאָעטישע מאַכט צו בעוועלטיגען די וועלט דורך זיין הויכע זעעלע און גייסט אויף דיעזע וועלטליך־מענשליכע לעבענס וועלטען, — דער דיכטער איז דער „פאָעט אימפעראטאָר"....!

דער „פאָעט אימפעראטאָר" מוז האָבען אין זיין פאָעזיע, אין זיין קונסט — זעעלע און גייסט, דער מזרח־מערב־דרום־צפון — און מוז בעשטרעבען די העכסטע אידעאלען פון לעבען — רופען די מענשהייט צום ציעל און אימער און אייביג בעשטרעבען דאָס הימלישע און אידעאל־סטע צו בעשאפען אין אונזערווירקליכער וועלט....

דאָס איז דער ניי־מאָדערנער נביאישער פאָעט און הויך בעגייסטיגטער דיכטער פירשט....!

דאָס ראָמאַנטישע לאַנד

1.

עס נויגען זיך פון די זון די העלסטע שטראַהלען,
— זיי בויגען זיך צום טאָג און שעהנעם מאָרגען.
די לופט ווי פּערפיאָם פון אַלע פיינסטע בלומען.
און די בוימער שטעהען סודות'דיג פערבאָרגען.
פון ווייטענס שימערט דער ים אין גרין־בלאָה קאָליר,
— די שטראַהלען שפּיעלען זיך אין ים און בלינקען.
עטוואָס ווייטער שטעהט אַ בלויע שיף געאַנקערט.
די שיף איז שטאָלץ געזיכערט פאַר דעם זינקען.
מיר זעהען וויים־בלוע זיידען־פאָהנען
אויף די העכסטע הויך פון מאַסטבוים־גיגאַנט.
ביי דעם איינגאַנג שטעהען צוועלף גאָלדענע לייבען,
מיט אויגען שעהנע פון רייגעם בריליאנט.
אַ טיעפער, ווילדער וואַלד זעהט זיך פון דערווייטענס
און רופט מיט בלומען־דופט און וואַלד־געזאַנגען.
און די גרינע בערגער פון אַקעגען־איבער
דערזאָגען הייליג נאָך מיט עכאָ־קלאַנגען.
ס'שטעהען צו רעכטע זייט אַרום די יונגע העלדען,
אַהנונגס־געשטימט, אין לאַנגע, גלייכע רייהען.
די אַלטע שטעהען לינקס און בליקען צו די יונגע,
אַהנונגס־געשטימט אין לאַנגע, גלייכע רייהען.

2

ס'שטעהט שוין די ריעזען־שיף צום וועג געגרייט
און ס'שימערירט דער וויים־זילבערנער מאַסט־בוים.
עס ווערען די וואָלקענס פון מאַסטבוים שוין בעריהרט
אין די העכסטע הויכקייט, צו דעם בלויען רוים.
ביי דעם פראָנט שטעהט אַ מעכטיגער ריעזען־אָדלער,
די פליעגעל הויך און שטאַר ווי א ספינקס פון שטיין.
און די שעהנע אויגען פון די גאָלד'נע לייבען
שיינען ווירקליך אין דעם העלסטען בליק צו זיין.
אין דער מיט שטעהט דער גרויסער גאָלדענער אָרגעל
און דער גרויסער זינגער־כאָהר איז אויך שוין גרייט,
פון טויזענד זילבער־האַרפען אַרומגערינגעלט
מיט פיעדלען, וויאָלין־טשעלען אין יעדע זייט.
— עס פערזאַמלען זיך שוין שנעלער אַלע העלדען,
קומענדיג פון די בערגער פון טהאָל און וואַלד.
און ס'שטייגען איין צו די וואונדערליכע רייזע
צוואַנציג טויזענד שטאַרקע העלדען, יונג און אַלט.

עס ווימעלט שוין דער גרויסער וועלט־אָרקעסטער,
די טענער שוועבען צו אַלע טהיילען וועלט:
די צוקונפט־הימנע זינגען אַלע העלדען,
יעדער איז בעגייסטערט, יעדער איז איין העלד...

3

ים און הימעל — פון מוטער־ערד שוין קיין צייכען...
און שנעל מאַרשירט די שיף מיט שטורם און שטאַרקע מאַכט.
מיט ווינדיגען געוואַלד שלאָגען זיך די כוואַליעס.
דער טאָג דערגרייכט אין זון־אונטערגאַנג — ס'קומט די נאַכט.
רויטע פייער־שטרייפען ביי'ם האָריזאָנט.
—און די פורפור־וואָלקען בינדען זיך אין באַנד —
ווי וועלדער אין די נאַכט, מיט ריעזיגע שאָטענס
קעגען וואולקאַנישע בערג פלאַמענדען שטאַנד.
גלייך ווי אַ וואַלד ווערט פערשלונגען אין פייער.
עס שרעקט אַלעס צו פערהילען אין פלאַמען באַלד.
פלוצלונג פערשווינדען די פייערדיגע פלאַמען
און נישט געריהרט איז דער בלאַה־נאַכטליכער וואַלד.

4

ס'שטורמט דער ים — דאָס ליכט פון טאָג איז לאַנג שוין נישט דאָ.
מיט טריאומף קומט אָן ס'נאַכטליכע בעשווערען.
דער ווייטער הימעל איז סודות'דיג פערטראַכט
מיט טויזענדער־טויזענדער גאָלד'נע שטערען.
אויף די שיף איז שטיל. ס'שפּאַצירען אַהין און צוריק —
יונג און אַלט צוזאַמען — און איינזאַם פערטראַכט.
ס'ברענען שוין אַלע ליכט אַרום און אַרום.
די ליכטיגסטע שטראַהלען אין די פינסטערע נאַכט.

5

ס'שטורמט דער ווינד — און אַ נעבעל־פינסטערניש קומט אָן.
באַאָס ברומט דער שטורם און די כוואַליעס ברומען,
ווירבלען זיך. — פלוצלונג הייבען זיך מעכטיג און הויך,
זינקען צוריקגעצויגען און ענטקומען,
און שטייגען ווידער מיט די געוואַלטיגסטע מאַכט,
גלייך ווי זיי ווילען פערשלינגען דעם הימעל.
עס וואַקעלט זיך די שיף דאָ אַהער, דאָ אַהין
און ס'שלאָגען זיך די כוואַליעס אין געטימעל.
— ס'צווייפלען די העלדען שוין אין אַנגסט און פורכט און שרעק
און לויפען הילפסלאָז אַרום אַלע זייטען.
עס שטעהען די מאַטראָזען אַרום און אַרום,
און ס'לעשט זיך דאָס ליכט, עס לאָזט זיך נישט שטרייטען...!
— גערופען ווערט דער נביא — דער נביא פון שיף —

ס'קומט לאנגזאם, דאָך שנעל — מיט פייערדיגע בליקען —
דער נביא צוגעהן — און שפּרעכט אויס איין וואָרט נור.
גלייך פאנגען די כוואליעס אין זיך צו דריקען
זייער וואולקאַנישע געוואַלד, שטורמישע מאַכט.
ס'פערשווינדט דער נעבעל, עס שטומען די ווינדען
און אַלעס זעהט אויס ווי עס וואָלט נור אַ טרוים זיין,
און ס'ברענען די ליכט ווי יעצט אַנגעצונדען...

6

דער נביא, דער גרויסער, דער הייליגער נביא
האָט אמת געשפּראָכען, דעם אמת גערעדט.
זאָל לעבען, זאָל לעבען, דער הייליגער נביא,
דער וואָס ווייט דערזעהט און דעם אמת ענטדעקט.
„מיט רייניקע וואַסער אָנגיסען די עמערס,
און פון אַ געפאַהר וועט אייך דאָס פערמיידען" —
אזוי האָט געהייסען דער הייליגער נביא,
און מיר זעהען: די נבואה איז בעשיידען.
— עס גענעהנט אונז אַ טאָג, פון ווייט־אויס געקומען.
אַ טאָג מיט שטראַהלען און טריאומף'ס געזאַנגען,
פון גליקליכע טענץ און פון פרייד און ענטציקונג,
פון מוזיק און געזאַנג און עכאָ־קלאַנגען.
אָה, אייניגט אייך, טענער, האַרמאָניש צוזאַמען
צו לויב־געזאַנגען פאַר די אונענדליכקייט.
זעהט איהר נאָך נישט מעהר ווי נור הימעל און וואַסער?
אָהאָ — ס'קומט אונז שוין הערליכע לענדליכקייט...!

7

צוריסענע קלאנגען און טיעפערע שטילקייט.
עס וואַקסען די שאָטענס און פערליערען זיך גלייך,
און ס'וועבט זיך אַ בלאַה ליכט אין לויטערע שעהנהייט.
עס בלאסען די שטערען, די לבנה ווערט בלייך...
עס טראָגט זיך די שיף מייעסטעטיש וואונדערליך.
הימעל־געשפּיגעלט פון די גיטליכסטע פּראַכט,
טרוים־וויזיאָנען פון גליקליכע, נייע וועלטען,
זיכערע צייכענס פון פערגעהענדע נאכט.
ווי מיעד זעהט דער ים אויס — פון העלדען בעזיעגט.
דער ים קען נישט קעמפּפען קעגען העלדען־מאַכט.
שטאָלץ שפּאַצירען די העלדישע בעזיעגער
אויפ'ן פּאָרדעק פון שיף — פערשוואונדען איז די נאַכט....!

8

איין פליסטערן בעגינען אַלע פייגעל,
מיט געזאַנג ענטציקט אין זילב און וואָרט,

און עס הערט זיך רוישען, איין אַל־ערוואַכען,
מיט אַ מאָרגען־גרוס פון אָרט צו אָרט.
— ס׳קומט אָן דער הערליכער זונען־אויפגאַנג,
— און עס הערט זיך שוין דאָס ליעד פון טאָג.
עס פּראָפּהעטין די פייגעל געזאַנגען
דאָס שעהנע אידעיאַל אין דעם פלוג.
וועלדער און גערטנער, און בערגער און טהאָלען,
און אַלעם איז גרין, וואונדער־שעהן.
אַ נייע וועלט זעהט זיך פון ווייטענס,
פון ווייטעסטע ווייטקייט אוים געזעהן.....!

אַפּריל

מיר שיינט ווי ס׳וואַרט
גאָר טיעף פערטראַכט
פון ווינטער־שלאָף
די אַפּריל־נאַכט.
— שוין לאַנג ערוואַכט...
אין מאָרגען־גרוס
גאַנץ פריה געבראַכט
און איז פערטראַכט.
ס׳איז שטיל, דאָך רוישט:
הו־האַ־חאָ־האַ —
עס שטורמט די לוסט:
הו־האַ־האָ־האַ.
עס גרינט די ערד —
פערפיאָם די לופט...
דער פריהלינג ווערט
און ס׳עכאָ רופט:
הו־האַ־האָ־האַ —
הו־האַ־האָ־האַ...

אָה, פריהלינג! אויף ווידערזעהען...

עס האָבען די בלומען,
די הימלישע בלומען,
פערבעהטען די מלאכים
אין פריהלינג צו קומען.
אַזוי זענען מלאכים
מיט פליעגעל בעוועגונג
געקומען פערזאַמעלט
אין געטליכע רעגונג...

עס שװײגען די בלומען,
די מלאכים זײ שװײגען ;
און דער װינד די בױמער
בעװעגט ניִשט די צװײגען.
און ס'שטילען די קװאַלען
די ים'ען און טײכען.
אַלס איז אין אַ שטימען,
פון רױשען קײן צײכען...
גלײך האָבען פערשטאַנען
די מלאכים די בלומען,
און זענען פערשװאונדען,
גלײך װידער צו קומען.

דאָס ליעד פון צופריעדענהײט

געבענשט איז די בליהונג !
— ס'בליהען שױן די פעלדער
אַרום אַלע זײטען.
גרין זענען די װעלדער.
עס גרײכט שױן דער זומער
אין װײטען געלאַנגען.
עס זענען שױן צײטיג
די גאָלדענע זאַנגען.
ס'קומען די יונגפרױען
און ס'קומען די מענער
מיט פרײדיגע ליעדער
און הערליכע טענער..
— גריסען מיר דאָס לעבען
אַלע לעבענס־צײטען,
קומט אונז אױך די ברכה
פון װײטען אין װײטען.
קושען מיר די נאַטור
אַלע זײנע פאַרבען,
בינדען מיר די זאַנגען
אין רײכערע גאַרבען.

פּאַסטאָראַל

כ'זינג ענטציקט
איין שעפּפונגס־ליעד.
כ'זינג בעגליקט
און ווער נישט מיעד.
ס'ציהט מיין הערץ
אוועק גאַנץ וויים.
כ'פיהל אַ שמערץ
נאָך בליהונגס־צייט...
בליהונגס־דופט
פערוועלקסט נישט מעהר.
ריינע לופט
און קלאַנג־געהער,
קלינגט שוין גלייך
אין וואונדער־קלאַנג.
כ'זינג מיט אייך
איין שעהן געזאַנג.
כ'זינג ענטציקט
איין שעפּפונגס־ליעד.
כ'זינג בעגליקט
און ווער נישט מיעד.

אַ בילד פון אַ שעהנע שטאָדט

דער טאָג איז העל פון בלאַנקע שטראַהלען.
ס'שפּאַציערען מענשען פון אָרט צו אָרט.
די לופט איז ריין און לויטער עטהער
און קלאַוויר־טענער פון דאָ און דאָרט.
דאָס גרויסע טויר מיט מאַרמור זיילען
ערהייבט זיך ריעזיג, געוואַלטיג שווער.
אַ דריי־געשפּאַנטער לייבען־וואָגען
טהראָנט געהויבט צו דעם בלויען מעער.
אַרום די ערד איז גרין און לענדליך
און אויסגעפלאַסטערט פון ווייסען שטיין.
דאָס גרויס טעאַטער שטעהט פון וויימען,
מייעסטעטיש הויך פאַר זיך אַליין.
די ביימער שטעהען אין שלאַנקע תויכקייט
גיגאַנטיש־פעסט אָהן אַ קלענסטען ריהר.
שטאַרק געקרעפטיגט און לוסט־בעוועלטיגט
יום־טוב'ט אַלעס דאָס העלסטע רעוויר...!

ריכאַרד וואַגנער אין גן עדן

(אַ פאַנטאַסטישע הימנע)

אַ טיעפע שטילקייט רוהט אַרום
פאַר דעם גרויסען גן־עדן פּאַלאַסט.
ס׳ליכט איז לויטער בלאָה אין הימעל,
און דער גן־עדן — גרין אין קאָנטראַסט.
מלאכים אין אַ שטיל געווימעל
שוועבען צייטענווייז מיט סיגנאַלען
צו דעם שעהנעם פּאַראַדיז.
בעשיינט פון בלאַסע, צאַרטע שטראַהלען
אַ זילבער־קריסטאַל קלאָהר טייכעל
מורמעלט און שלענגעלט זיך דערנעבען,
שפּיעגלענדיג אין זיך דעם הימעל
מיט די מלאכים וואָס דורך־שוועבען.
גרין־געדיכטע ריעזען־בוימער
אַרום אַהין און צוריק שפּאַצירען,
גלייכע רייהען אין איין ריכטונג,
ביי די גרויסע, גאָלד׳נע טהירען.
און עס קומען פון אַ ווייטקייט
טענער פון האַרף און פלייט צו־שוועבען,
מיט די שעהנסטע זינגער־פויגעל
פעראייניגט אין אַ גלייך בעלעבען.
ס׳קומט אַ וויאָלין־טשעל פון ווייטען,
מעכטיג ווי אַ געוואַלד פון דונער
מיט אַ ים בערוף׳ס מאָטיווען.
העל אויף, העל אויף, אַ וועלט־געווינער!
ס׳פאַנגט דער פּאַראַדיז אין גאַנצען
בעוועגען זיך אין גרויס ציטערונג
אין אַ שטאַרקע דיסהאַרמאָניע
פון מוזיקאַלישע געוויטערונג.
דאָ שפּרינגט אַ שעהנע ריעז־געשטאַלט
פאַרביי מיט שטורם אין אַ געטימעל,
מיט גאָר אַ גרויסען פאָהן טריאומף
פון „טרוים וויזיאָנען“ אין דעם הימעל.
מיט בליץ שפּאַלט זיך גלייך דער הימעל
און רעכטס און לינקס פוןביידע זייטען
קומען יונגפרויען און מענער
אויף ווייסע פליעגעל־פערד צורייטען.
העלדען מענער, העלדען פרויען
אין רייהען פלעכטען זיך צוזאַמען.

עס שאַלט אין לופט דאָס אַל־געזאַנג
מיט צוואַנציג טויזענד האַרפען־גראַמען.
דאָ קומט אַ יונגפרוי צושוועבען
אויף אַ וואָלקען ווי ווייסער זילבער,
פריידיג ענטציקט מיט געלעכטער
און טאַנצט גלייך די „פרייד" און געפּילדער.
זי דערכאַפּט דעם זילבער־וואָלקען,
בעשאַפט אַ ספינקס גלייך אין בעוועגען,
עס ווערט דער ספינקס באַלד לעבעדיג
און פאַנגט זיין ערשטען רעטזעל פרעגען.
דאָ קומט אַ יונג־פרוי פון וויטענס
מיט אַ גאָלד'נעם עמער צופליהען,
מיט זיסען געטער־וויין געפילט
פון אייביג־אונשטערבליכען בליהען.
אַ שטורם־געראויש — אַ געטומעל
אַ קלינגען מיט טראָמפּייטען־שאַלען.
עס ווערט די בלויע ליכטיגקייט
דורך־שטראַהלט פון זונען־העלע שטראַהלען.
אין גרויסען גן־עדן פּאַלאַסט
עפענט זיך ס'טויער פון אַלע זייטען.
דאָ קומט עס אָן „ריכאַרד וואַגנער"
אויף פייער־פליעגעל־פערד צו־רייטען.

אָרפעה

ס'קומט אַ געזאַנג פון געטליכע וועלטען
צושוועבען פון ווייט, ווי אַ זעעליש ענטהילען
הימלישע פעלדער, הימלישע גערטנער.
ס'אַקאָרדירט די האַרף אידעיאַלסטע געפיהלען...

אָה, אָרפעה! אָרפעה! דו גרונדסט אין טרויער,
ס'קלינגט דיין געזאַנג שוין ווי די פעלזענע קוועלען.
טרויערסט אין ליעבעס מעכטיגסטע בענקשאַפט,
ס'שרעקט זיך דיין טרוים־גליק אויף קריסטאַלענע וועלען...

זיכער וועט ערשיינען דיין הימלישע,
פון דיין מעכטיגע בענקשאַפט און ליעבע בעוואוסט,
און וועט דיך פאַר דיין געטליכע האַרפע
געפינען און דריקען צו איהר עדעלע ברוסט...

בײם קבר שאַרל באָדלערס

אין דעם טעמפּעל פון אײביגע ליעבע —
בײ דעם טראָהן פון זעעלישען הימעל־רײך,
דאָרט רוהט דער גײסט פון טראַגישען דיכטער,
פון „שאַרל באָדלער׳ן“. — װער קען איהם פון אײך?

דאָך, דאָ אויפ׳ן אָרט בעגראָבען איז באָדלערס
קערפּער אויף אײביג בעהאַלטען שוין לאַנג,
פון טראַגישען לעבען, שמערץ און לײדען
פרײ שוין אויף אימער און אויך פון געזאַנג...

אָה, שאַרל באָדלער! װי שעהן איז דײן זעעלע! —
דער הימעל פון ליעבע איז נישט פאַר דיר.
ביסט זעלבסט „אידעיאַל“ פון „שעהנע אידעע“,
דאָך דײן געטליך ליעבסטע — ביסט דו פרעמד איהר...

ס׳איז דײן שמערץ אַזױ גרויזאַם און שרעקליך,
דאָך טיעף בעהאַלטען אין הײליגען הערץ.
ס׳פעהלט דיר די מעכטיגע װערט פון „זיעגפריעד“
צו טויטען דײן אונגליק און אויך דײן שמערץ.

כ׳בין אין טרויער נאָך דיר, אָה, שאַרל באָדלער!
און כ׳קראַנץ דײן קבר מיט בלומען אַסאַך.
עס פערדריסט מיך דײן טראַגישעס לעבען,
דײן שטאַרבען, געלעהמט, בערויבט פון די שפּראַך...!

צו די לעבענס־ענדע פון י. ל. פּרץ

הער אויס מיך, גרויסע װעלטען־מאַכט!
— צו דײן װילדע הערשאַפט זאָל זײן אַ סוף.
פערזינקען זאָל דײן שװאַרצע נאַכט,
— צו געטליך־לעבען בערוף איך דיך אויף.
פינסטער, פינסטער איז די נאַכט הײנט,
פערזונקען איז די זון פײערדיג־רויט.
אין טרויער בעװאוסט פײנד און פרײנד,
אַז אונזער גרויסער פּרץ איז שוין טויט...
איין מענש פון זעעלע און פון גײסט —
פּאָעט און קינסטלער פון געדאַנק און װאָרט.
װער עס װײסט נישט, און װער עס װײסט...
— דאָך, די העלדען־גײסטער פון יעדען אָרט

טיעף אין געדאַנק, און טיעף אין הערץ,
און די נשמה און זעעלע פעראייגט,
וועט יעדער פיהלען טיעפען שמערץ
נאָך דעם גרויסען גייסט וואָס האָט העל געשיינט,
— ווי ס׳שיינט אַ זון אין הימעלס־רוים...
דאָך, שוין געשטאָרבען איז דער גייסטער־העלד
פון געדאַנק, אידעע און פון טרוים.
— דו האָסט פערלוירען — גרויסע, גרויסע וועלט...!

בעטהאָווען

אין אַ געהיימען וויים־מאַרמור פּאַלאַסט,
אויף אַ באַרג צום הימעל די וויים,
שלאָפט זיך בעטהאָווען, דער גרויסער בעטהאָווען
שוין אַ לאַנגע־לאַנגע צייט,
שלאָפט זיך געלעהנט זיין קאָפּ אויף אַ טישעל,
אַרום איהם די שכינה שיינט העל.
ס׳קרוינען זיין קאָפּ אַ מלאכים־אָרקעסטער.
פון וויטענס ליגט זיין וויאָלין־טשעל...
און עס שלאָפט זיך בעטהאָווען זים און געשמאַק,
פון געטליכע טרוימען בעגליקט.
אַ ווייטעס געזאַנג, וואָס הערט זיך פון הימעל,
טרוימט איהם דאָך שלאָפענדיג ענטציקט.
און אויפכאַפּען פון שלאָף וויל זיך בעטהאָווען,
ווירקליך זיינע טרוימען דערזעהן.
אָה, שעהנע טרוימען, הימלישע געזאַנגען,
ווי הערליך איהר זייט... און ווי שעהן...
שווער איז בעטהאָווען פון שלאָף זיך דערהייבען,
די טרוימען — זיי האַלטען איהם צו.
און ער שיקט צו גאָט אַ הייליגע תפילה,
איהם העלפען, זאָל ער, געבען זיך מיה.
און גאָט האָט די תפילה פון צדיק דערהערט
און גלייך די מלאכים ענטדעקט,
אַז דערהויבען פון שלאָף וויל זיך דער גאון
און שוין מוז ער ווערען דערוועקט...
און דערהערט האָט׳ס גלייך דער קאַפּעלע מייגסטער,
און הויבט שנעל אַלס ציינען זיין האַנד,
אַז שוין מוז מען העלפען דעם גאון ערוועקען,
— שנעל, שטימט אייך איין אַלע ביי׳נאַנד...
נאָך אַ מאָהל אַ צייכען, ווידער אַ צייכען,
עס איז שוין דער דריטער סיגנאַל.

אונ גלייך פאַנגען אָן די טענער צו ווימלען
שעהנסטע אַקאָרדען — וואָס שפּרעכען צו אַל...
וועלטען־מאָטיוון — פון שיקזאַל, שמערץ, ליעבע,
ס'האָט איהם גלייך ערוועקט אויפ'ן שטעל,
— און בעגייסטערט פון שלאָף זיך דערהויבענדיג,
כאַפּט ער אין האַנד זיין וויאָלין־טשעל. —
און גיבט זיך צייטיג אַ ריהר אָן זיין שטערן,
דעם זכרון דערפרישען אויפס'ניי,
אַז ריכטיג און אַלעס זאָל מען איהם הערען,
וואָס שלאָפענדיג איז איהם פאַרביי.
ווייל דאָס זענען קיין חלומות געוועזען,
נור געטליכע שטימען געוועבט —
צו איהם האָבען די אונענדליכע וועלטען
אין הערליכען פּאַלאַסט דערשטרעבט.
און נישט זיך פערזוימען וויל דאָך בעטהאָווען
און שנעלער די סטרונעס שטימט אָן,
אַז די טענער זאָלען הייליג זיך הערען,
חלילה נישט פעלשען קיין טאָן.
— עס ווימלען צוזאַמען טענער האַרמאָניש
אין אַ הייליג־געטליכען כאָהר,
ס'שטייגען געשטאַלטען פאַנטאַסטיש מיט האַרפען,
ווי טיעפע סימבאָלען אַ־פּאָר.
ס'שוועבען די טענער אין לויטער געטליכקייט
און איינט צוזאַמען איין אין אַל.
ס'ערקענט זיך פּראָפהעטיש „ס'זעליגע אינזעל“
פון נייעם גליק און לעבענס־קוואַל...!

ראָמאַנטישע וויזיאָן

פאַר זונען אויפגאַנג ! —

אַ שיין פון בלויע ליכטיגקייט האָט אויסגעפילט דעם וועלט־רוים... דאָס האָט דער הימעל — דער ריינער, בלוער הימעל בעגליקט מיט דאָס שעהנע בלוע ליכט דעם סוד ענטדעקען — — „עס איז פאַר זונען אויפ־גאַנג“..... און שטיל איז געווען, טיעף שטיל... אונשולדיג־ווייס־וואָלקענדיגע מלאכים'לעך האָבען געשוועבט ארום דעם ריינעם לויטערען הימעל בעוועגענדיג מיט זייערע ווייסע פליעגלען אין א שטילען גערויש מורמלענדיג — „עס איז פאַר זונען אויפגאַנג“... ס'איז געווען אין פריהלינג — אין צייט פון תחית המתים... פון מיין טיעפען שלאָף האָט מיך אויפגעוועקט דאָס ציטערען קלאַנג פון אַ האַרף, איין עדעל־

שטילער טענער־קלאַנג וואָס האָט גערופען פון מיין זעעלע דעם ווידער־קלאַנג.....

אין גליקליכע ענטציקונג פון מיין טיעפען שלאָף ערוואכט ווי איך האָב גערוהט אַ מיעדער אין די מדבר פון וויסטעניש און הילפסלאָזיגקייט... — — איך בין ערוואַכט... אָה, לעבען! איז פּיליכט געקומען די צייט פון מיין ווירקליכע ערוואַכונג? — — תחית המתים...

אין די שרעקליכסטע וועלדער האָב איך געוואַנדערט....

— יאָ, דו ביסט ערוואַכט, דו וואַנדער־מענש! — ענטפערט מיר אַ הערליכע יונגפרוי מיט איהר גאָלדענע האַרף אין האַנד.

— אָה, וואונדערליכסטע! ליעבסטע! ווי הערליך זענען די טענער פון דיין האַרף...

ס'איז אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם זונען־אויפגאַנג...!

איך קניה פאַר דיר — איך ליעב דיין זעעלען־געזיכט.. .איך ליעב דיך, איך קוש דאָס אָרט אַרום דיר... שעהן זענען דיינע אויגען... איך פערגעטער דיך... ענטפער מיר מיט דיין האַרף... איך וועל פערשטיין... איך וועל ערשיינען פאַר דיר.....

איך ליעב דיך, אָה ליעבע שעהנהייט..!
איך קניה פאַר דיר און קוש דיין בליק. —
דערלאַנג מיר דיין האַנד, די צאַרטע,
צוזאמען זיין אין זעעלען־גליק...
אייביג איז צו דיר מיין ליעבע,
אייביג שטאַרק ווי די וועלט אליין,
קיינער קען זי נישט צושטערען,
איך פיהל עס הייליגליך און ריין...
דיינע שעהנע, ליעבע אויגען —
זעעליש געטליך אין ליעבעס־זאַפט
וועט מיין זעעלע נוי בעלעבען
פיעל מיט בליהונג און זיסע קראַפט...

ביי דעם ברעג פון ים

ביי דעם ברעג פון ים שטעהט דאָס זילבער־ווייסע שיפעל
און וואַרפט אַ שיין טיעף אין דעם קריסטאַל־קלאָהרען ים. —.
עס איז פאַרנאַכט!
די גרין־געדיכטע בוימער שטעהען רוהיג אין טיעפע שטילקייט
און וואַרפען אַ קיהלען שאָטען אַרום דעם ברעג פון ים...
דער הימעל איז בלוטיג־רויט דורכגעוועבט מיט גינגאָלד־שטראַהלען —
פון זונען־אונטערגאַנג...
וואַרפענדיג אַ בלאַסען שיין דורך די גרינע בוימער אין דעם טיעפען ים...
— און די כוואַליעס הויבען זיך צו כוואַליעס —
טאַנצענדיג דעם מילדען טאַנץ...

*   *
*

אין אַ ווייסען זילבער־שיפעל וואַרט איך שוין לאַנג
געהילט מיט מיין בלויען סאַמעט־מאַנטעל און אַן אידיליען־בוך אין האַנד.
עס איז מיר באַנג... עס איז מיר באַנג... אָה, בענקשאַפט!
אין מיין בענקשאַפט האָט מיין ליעבע געטין מיטגעפיהלט
און איז געקומען...
געהילט אין אַ ווייסען זיידענעם מאַנטעל —
און אויף איהר שעהנעם קאָפּ אַ מילך־ווייסען בלומען־קראַנץ,
און האָט אַריינגעשטייגט צו מיר אין ווייסען זילבער־שיפעל,
צו מיר אין ווייסען זילבער־שיפעל...
אָה, געה מיר. שיפעל — — געה און געה...
— — די כוואַליעס נויגען זיך, עס שיינט מיר ווי זיי וואָלטען מורמלען:
— כבוד — כבוד — כבוד —
לייכט טראָגט זיך פון ברעג דאָס שיפעל אוועק, ווייט־העט, ווייט־העט....!
ווייט!
מיין געליעבטע דערלאַנגט מיר איהר ווייס־צאַרטע האַנד, —
בליקענדיג טיעף אין מיינע אויגען,
ווינשענדיג, אַז אויך איך זאָל בליקען אין איהרע אויגען...
און קושענדיג איהר קאָפּ און שטערען, ערפיעל איך איהר וואונש.
און לייכט שווימט דאָס שיפעל איבער דעם גרויסען, קלאָהרען ים,
גלייך ווי אַ מלאך שוועבענדיג צום הימעל, אין גאָט׳ס פּאַלאַסט
טראָגענדיג איין ענטפער...
און עס זעהט אויס ווי די לעצטע גינגאָלד־שטראַהלען פון זונען־
אונטערגאַנג —
זענען אין פראַגע־צייכענס — ענטציקט? ענטציקט?
די לבנה בליקט טרוימעריש און שיקט א צארטען שטראהל אהער —
צום שיפעל גלייך אַהער...
און דונקלער ווערט וואָס ווייטער — די לבנה בעגלייט דאָס שיפעל
אַלס טרייער פריינד
מיט זיכערהייט, האָפנונג און טרייסט.
און די שטערען בלישצען, פרעגען פינקלענדיג —
ענטציקט? ענטציקט?
און די כוואַליעס רוישען, ענטפערען ברומענדיג —
ענטציקט... ענטציקט...

זומער טאָג

גליק און ליעבע בענשט דער הימעל,
און ס'שפּיעלט דער וואַלד אַ סימפאָניע,
אין געזאַנג פון טויזענד פייגעל —
דאָס שעהנסטע ליעד פון האַרמאָניע...

אָה, שעהנער וואַלד! כ'בין אָהן ליעבע...
— שפּיעל מיר אַ ליעבעס סימפאָניע, —
און גלייך מיט דיר וועל איך זינגען
דאָס שעהנע ליעד פון האַרמאָניע.

שעהנע געזאַנגען און מוזיק, —
— ביים פאָנטאַן און מאַרמור ברונענס,
הימנירט אַ האַרף ביי צוועלף נימפען,
און עס פּלאַצען נישט די סטרונעס...

אין דיין צאַרטען שוים פון ליעבע...
— אַרום מוזיק און געזאַנגען,
וועלען מיר ליעבעס איינשלאָפען
אין דעם כאָר פון עכאָ קלאַנגען...

דער קאַנאַריק אין שטייג

ווער קלינגט נאָך מיר — ווער רופט דאָס מיך?
מיט אַזאַ זיסען צויבער־קליאַנג.
— אָך, דאָס איז דער וואַלד, שעהנער וואַלד!
עס איז מיר אָן דיר ווירקליך באַנג...

איך קום... איך לויף שוין, ליעבער וואַלד!
איך בין שוין דאָ, און כ'זיץ שוין גלייך
אויף דעם צווייג פון ריעזען־בוים,
און, אָה, ווי שעהן... ווי הערליך רייך...

און כ'בליק צום הימעלס זונען־שיין.
די זון — זי בליקט דאָך אויך צו מיר.
ווי ליעב זי שמייכעלט פול מיט חן,
אַזש כ'זאָג דיר, וואַלד, איך לויף צו איהר...

און כ'הער אַ געזאַנג — ווער זינגט דאָס?
זינגט פיליייכט אַ געטין צו מיר?
וואָס רעדסט דו, וואַלד — דו נאַרסט מיך נישט —
איך לויף צו איהר... איך לויף צו איהר...

„פּרינץ װענדימאַר“ צו „סעמיראַמיס נבוכדנצר“.

(פראַגמענט)

אײן צאַרטער שטראַהל, געהילט פון בלויען עטהער. —
מאָנד־ליכט שײנט — עס שײנט אַ װײטער שטערען...
אין א טרױם־װעלט בליהט אױף פאר מײנע אויגען,
װי מײן זעעלע קען זיך נישט פערצעהרען...!
אָה. ליעבסטע! כ׳האָב דיך אין מײן טרױם געזעהען —
אין מײן װאַנדער־טאָג קײן מאָהל פערגעסען.
— בײ די שטאָלצע צעדערען פון ליבאַנאַן
רופט אױס מײן שטימע — „הערליכסטע פּרינצעסין“..!

2

פיעל גרינע מירטען און לאָרבעער צװײגען
האָב איך געזאַמעלט אַ קראַנץ צו בינדען,
— פון די הערליכסטע פּאַלמען און ציפּרעסען
און בליהונגען פון די שעהנסטע לינדען...
אָה, עדעלסטע! הויך איז דער טאַנץ פון ליעבע —
װי די ליעבע שלמה׳ס און שולמית.
— דײנע אױגען זענען צװײ בלױע שטערען,
הערליכע פּרינצעסין סעמיראַמיס.

3

די נאַכטיגאַל װעט זינגען שעהנסטע ליעדער,
האַרפען װעלען װימלען שעהנסטע קלאַנגען,
דער הײליגער װאַלד װעט זײן אַ קעניגרײך
פון גליק אין װאונדערליכסטע געזאַנגען...
און זאָג, אָה ליעבסטע, מיר אַ װאָרט פון ליעבע —
און ליעבסט דו מיך נישט? — בין איך װי באַלשעצאַר,
טרײער ברודער, דיר — הערליכסטע פּרינצעסין!
ליעבסטע „סעמיראַמיס נבוכדנצר“.

וועגולאַראַ

(דראַמאַטישע דיכטונג. צווייטעס פראַגמענט.)

ביי דעם ברעג פון ים. אייניגע ריעזיגע בוימער שטעהען דאַ און דאָרט. פון ווייטענס זעהט זיך אויך הויך־געבירג. רעכטס דערנעהנטערט זעהען מיר דעם ספינקס אין גיגאנטישע גרויסקייט. וועגולארא זיצט געלעהנט אויף אַ גאַרטען־באַנק און שלאָפט. — שעהנסטע פריהלינגס־נאַכט, — האַלב ליכטיג פון מאַנד־שיין און שטערען בעשטראַהלט. — עס הערען זיך שריט. מאַנאַוועו קומט פאַרזיכטיג צוגעהן מיט אַ ווייסען בלומען־בוקעט אין האַנד. ער געהנט צו וועגולאַראַ — בעמערקט איהר שלאָף און ציהט זיך פאַרזיכטיג צוריק.

מאַנאַוועו

אין אַ שלאָף געלעהנט רוהט וועגולאַראַ.
זעהר שטיל בעוועגט זיך איהר פערעל־ברוסט;
אין בלומען בעקראַנצט איז איהר קאָפּ אַרום
טרוים געשפּיגעלט אין אַ טרוימען־לוסט...
אַה! וועלכע טרוימען טרוימט יעצט מיין ליעבסטע?
פון וועלכען הימעל־רייך־ווייטעס לאַנד...
ווי וואָלט מיין זעעלע זיין מיט געצווילינגט
געהאַלזט פון דיין צאַרט עדעלע האַנד...
אַה! שלאָף מיר בעגליקט. מיין טיעף־געליעבטע,
לבנה־שטראַהלען קרוינען אַרום דיין אָרט,
און אַ פרייד בעוועלטיגט מיין ערוואַרטען
גרוס צו קושען דיר דיין ערשטעס וואָרט...
עס שוועבט דיין וואָרט ווי אויף זעפיר־פליגלען
אין בלוען עטהער, אין הימעל לאַנד,
און עס קלינגט מיר דיין הערליכע שטימע
שעהנסטען אַקאָרד מיט אַ שפּראַך ביי׳נאַנד.

(ער ענדערט נערוועז זיין שטימע, בליקענדיג צום הימעל,)

עס שימערען די שטערען
מיט גאָלד און זילבער שטראַהלען,
דאָרט וויים אין אונענדליכקייט. —
ס׳רוישען אַרום די קוואַלען...
ס׳קען דער רויש נישט דערגרייכען
דיין טרוימען שלאָף צו וועקען,
עס זאָל וואָס נישט געלינגען
דיין שעהנעם שלאָף צו שרעקען...
מיט טרייהייטס בליק אַקעגען
אויף דעם גראָז וועל איך לעהנען
מיין גייסט אין שטרענגען וואַך־זיין,
ביז ערוואַכונג וועט ג׳נעהנען...

(ער לײגט אַװעק דעם בוקעט און לעהנט זיך אויף דעם גראָז קעגען איבער װענולאַראַ. — עס הערען זיך נאָכ־טיגאַלען געזאַנגען און אַנדער־אַרטיגע פױגעל־זילבען.)

(ער שפּרעכט פּערטרוימט)

קריסטאַלענער קלאַנג
אין טרוימענדען שלאָף.
ס'דרעמעלט דער פויגעל
און הערט ניט זײן שפּראַך...
איז עס אַ ליעבעס־ליעד?
עס שײנט אַזוי באַנג.
עס זינגט דער פויגעל
אַ ליעבעס־געזאַנג...

(װענולאַראַ ערװאַכט. מאַנאָװען ערהויבט זיך (אומבעװעגליך שטיל.)

װענולאַראַ (װיזיאָנעריש פאַר זיך)
ביי'ם ים...
ביי דעם װילד־שטילען ים, —
דאָרט שטעהט זײן הויז,
זײן היים...
דאָס הויז פון גרוען שטײן און ליים,
ס'פענסטער פון מאַטען גלאָז —
האַלב אָפען...
ס'בעװעגט זיך די װײס־זײדען גאַרדין
פון װײטען װינד,
און װאַלדיג מיט בוימער איז געריננעלט דאָס הויז...
די בוימער — די שלאַנקע געשטאַלטען —
בעװעגען זיך, געבויגען פון װינד,
און אימער איז דער הימעל אין טרויער, —
און גרוי און פינסטער זענען די װאָלקען,
פינסטער איז דאָס הויז...
עס ברומט די שטימע פון װינד
און שפּעהט ביי נאַכט. —
בליקט ער אויס דעם פענסטער
אין די װײטע טיעפע פינסטערניש...
ס'שפּיגעלט זיך אויף זײן בלאַסעס געזיכט
דער צערטליכער שײן פון די לבנה...
זײנע אויגען שטאַר,
די אויגען פון שמערץ און טרויער
און געװאַלטיגע בענקשאַפט...

(זי ערבליקט „מאַנאָװענען", װערט בערױשט)

אך — ביסט לאַנג שוין דאָ? — אָה מאַנאָװען!
און שטעהסט גאַנץ שטיל — און שפּרעכסט נישט װאָס?

מאַנאָוועץ

כ׳וויל געפיהל נישט שנעל בעווירקען,
דאָך, ס׳איז העל מיין הערץ דיר צום גרוס.
(מאַנאָוועץ גענעהנט מיט דעם בוקעט. וועגולאַראַ
שטעהט אויף. זיי דערלאַנגען זיך די הענד, קאָפּף־
קושענדיג.)

וועגולאַראַ

אין שלאָף האָב איך דיך אויך געזעהן.
ס׳איז רעטזעלהאַפּט מיין טרוים אין בילד...

מאַנאָוועץ

כ׳האָב אַ וויטען וועג געקרייזעלט,
ווי ס׳איז נאַטור דאָרט מעכטיג ווילד.
כ׳בין דורך וואַלד דעם וועג געגאַנגען,
ביז ס׳שליסען זיך די פעלזען דאָרט.
ליכטיג איז געבוג געוועזען
און נישט געגרענעצט האָב איך דאָס אָרט...
(דערלאַנגט דעם בוקעט וועגולאַראַ׳ן.)
נעם פון מיר, אָה וועגולאַראַ!
דעם בלומען־קראַנץ — פערפיאַמט זעהר רייך...
כ׳האָב דאָס דאָרט צונ׳אויף געזאַמעלט
ווייסע בלומען אין אויסזעהן גלייך.
וועגולאַראַ (נעמענדיג די בלומען)
ווי געריהרט בין איך, מאַנאָוועץ!
און האָסט דו די פעלזען דערגרייכט?

מאַנאָוועץ

אין קורצע צייט זעהר געלונגען —
דאָך ענדען איז געווען גאַנץ לייכט.
ס׳האָט דער זייגער צעהן געשלאָגען
ווען כ׳בין גאַנץ אויבען הויך געוועזן.
און וויט האָט מיין בליק געדרונגען,
האַלב־ליכטיג האָט מיין אויג געזעהן —
די ווילדע טיטאַנען פעלזען
ארום ביי די ברעגען פון ים.
ס׳האָט זיך כוואַל מיט כוואַל געשלאָגען.
ווי בלינדע פיינדשאַפט נישט פון שטאַם.
מיין בליק האָט זיך זעהר געשראָקען
פון די פעלזען צו זעהן דאָס מעער...

וועגולאַראַ

יענע פעלזען צו בעשטייגען
איז אויך פון לאַנג שוין מיין בעגעהר...

מאַנאָװען
אין די טיעפקייט איין צו שטירצען,
אין ס׳טיעפסטע מעער, — אָה, פרעמדע מאַכט!
פרעמד האָט מיך דער גייסט בעװעלטיגט.
ס׳װאונדערט מיך די הײנטיגע נאַכט...

װענולאַרא
ס׳איז געװען מײן טרױם גאַנץ שרעקליך,
און דו דערקלעהרסט מיר דעם בעשייד.
— דרײ מאָהל האָט מײן טרױם געװאַנדעלט...

מאַנאָװען
אָה, שמערצליך איז געװען מײן לייד.

װענולאַרא
װי פרעמד איז מיר יעצט דײן שטימע.
װאָס איז דײן טאָן אַזױ געקלעהמט?

מאַנאָװען
ס׳איז דער שמערץ און אױסדרוק מענשליך...

װענולאַרא
בײ שװאַכע שפּראַך בין איך פערשעהמט.

מאַנאָװען
אינערליך שמערצט נישט געזאָגטעס,
ס׳קען נישט די שפּראַך אַלס צום אױסדרוק, —
דאָך ס׳רעדט זיך פיעל נישט צו שטילען...

װענולאַרא
װי געענדערט איז דײן אױסבליק,
דײן געמיטה אַזױ פּאַטהעטיש...?

מאַנאָװען
כ׳האָב אַ זעהונג נור װאָס געזעהן,
װאָס האָט בעװעגט מײן גייסטיגקייט,
און כ׳בין אין שױדער אױך געװען.

װענולאַרא
געלאַנגט עס דיר, אָה מאַנאָװען!
מיר צו בעגעבען — ערצעהל׳ס מיר.

מאַנאָװען
פיעל צו װײניג — ס׳איז װאָס מעגליך,
כ׳האָב נישט צו בערגען װאָס פאַר דיר.
— אױף אַ הױכע זילבער סקאַלע,
װי כ׳האָב געלעהנט מיט בליק צום מעער.
אין מײן דענקען טיעף געבונדען
מײן הערץ־געפיהל — אױך זעהר — און זעהר....
האָט אַ שאָטען זיך געװירבעלט
און קעגען מיר געבליבען שטעהן.
איך האָב װאָס מעהר נישט געזעהען,

און דאָך געהערט האָב איך גאַנץ ריין
מיט וואונדער־שפּראַך פענאָמאַליש
האָט דער שאָטען צו מיר גערעדט. —
— שטעה אויף,
אָה, יונגער מענש!
נישט שרעק,
בליק מיך נישט,
מיין בילד איז נישט ענטדעקט. —
דיין געדענקען
וויל איך יעצט בעצווינגען.
געדענקסט דו?
ווען ס'האָט דיין אויג צום ערשטען מאָהל
ביי יונגסטע יוגענד
די נאַטור ערבליקט — די גרינע ערד —
דעם בלוען הימעל — די ריעזיגע וואָלקען —
ווער האָט דיין גייסט בעשווערט? —
און ווידער האָסט דו דיינע אויגען
צום הימעל געווענדט,
דיין בליק האָט געבלענדט
קעגען דעם בליץ
און קעגען די העלישע שטראַהלען,
האָסט דיין קאָפּ געבויגען,
פון פייערדיגע זון געברענט,
און ביסט אַנטלאָפען אין דעם שאָטען־רייך,
אין דעם שוים פון בלויע וועלדער,
האַלב־טרויעריג, האַלב־פריידיג,
און געטרילערט האָבען אַלע פייגעל
דאָס הויכע ליעד פון „פאַר־הייליג“. —
און האָסט דערפיהלט דיין ערשטע בענקשאַפט.
האָסט דו פערשטאַנען דיין פערשווערונג?
אויס דיין טיעפען גייסט און זעעלע.
אויך זעלבסט פאַר דיר אונבעוואוסט. . .
— עס איז מיר נישט פערהעלט. . .
ווידער האָט דיין בליק געגריסט דעם הימעל,
די בלויע, טיעפע אונענדליכקייט. —
און ווי איין פערבאָרגענהייט
האָט אַ וויים האַלב־גרויער וואָלקען
פאַר דיין אויג געשוועבט,
און געריהרט האָט ווער אַ האַרף
מיט געטליך־צאַרטע הענד. . .
און אונבעוועגליך ביסט דו געוועזען,
מורמלענדיג וואָרט נאָך וואָרט

דיין ערשטען פסאַלם פאַר די אַל־נאַטור...
געדענקסט דו ? געדענקסט דו מעהר — ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פערשוואונדען איז דער שאָטען גלייך
ביי דעם לעצטען שפרונג. — געדענקסט דו מעהר...
אין גרויסער רעגונג איז מיין גייסט יעצט,
מיין געפיהל, געדאַנק איז מיר צו שווער.
מיין טיעפע זעעלע איז מיר יעצט גלייך
ווי אַ רואין אין אַ וויסטען אָרט...
אָח, ווי בין איך פון מיין יוגענד ווייט —
פון יענער אידעע... צו שוואַך מיין וואָרט...

ווענולאַרא

ביי יונגסטע יוגענד אין די נאַטור
ערבליקט האָסט דו דיך אין איין גאָטהייט...
— נישט אַלס געזעהען. ס'איז אַ בלענדונג,
ווי דאָס לייכטען פון טיעפע וואַרהייט...
און האָסט דו געהערט יענע שטימע,
האָסט דעם געדאַנק ווייניג פערנומען...
אָח, ווילסט נאָך יעצט דעם זין בעגרייפען —
פון ווייטע פערבאָרגענע שטימען...?
— שיינט דיר פיליכט אַ העלער שטערען
דיין זעעלישע הויכ־צייט און בעגעהר...
ס'ענטדעקט זיך אָפט ביי'ם לעבענס גרענעץ
ערשטעס אַהנען — און געטליך געהער.

מאַנאָוועו

געוואַלטיג וויל איך מיך בעצווינגען
אין דיעזער בלענדונג איינצושטייגען.
איך פיהל מיך זעהר און זעהר געצוואונגען.
העלף מיר גייסטיג, עס איז דיר אייגען...

ווענולאַרא

איבער זיך צו שטייגען אין זעלבסט־ערקענטניש,
עס איז, אָה, ווייט די לענדער צו דערגרייכען.
ווי וואָלט איך אויך אין יענע הימלען שוועבען
מיט גייסטיגע אויגען מיין בליק צו גלייכען...
אין שוים פון נאַטור, אין אורוואַלדס רעגיאָנען,
גערינגעלט פון גייסטיגע הויך־עבענען...
אָה, דאָרט וואו עס שפרעכט זיך אָהן אויסגעשפּראָכען
און וואו מען ערקענט זיך אום צו ערקענען,
דאָרט וואו מען זעהט זיך אויף אייביג־געזעהען...
— וואו אַלמעכטיגקייט איינט הערצער און זעעלען —
ס'לאַנד איז פערבאָרגען — דאָך ס'זעהט זיך ווייטען ;

וואָס איז פערבאָרגען בלייבט נאָך נישט פערהעלען...
אין שוים פון די נאַכט און טיעפע פינסטערנים —
מוז דאָס פרייזיגע גליק דעם גייסט בעשיצען.
און ווען עס ווייזען זיך פינסטערע וואָלקען,
דאָס געוויטער פאַרקינדען מעהר די בליצען...
איך פיהל מיך מעכטיג — בין מיט דיר געאייניגט,
לעבען און עמפפינדונג מיט דיר צו טהיילען.
גוט איז צו שטייגען אין וויליגע קרעפטען,
ווי אויך ביי דעם דענקען לויטער צו ווייל...
(אונזיכטאַבערער כאָהר זינגט פון וויט.)
עס טראָהנט אַ שלאָס צווישען פעלז און מעער,
אויף איין אינזעל נישט זיכער...
דאָך זיכער צו זיין —
שטעהט דאָרט געפּאַנצערט אַ ריעזיגע שיף.
דאָס אינזעל איז בעוואָהנט פון דריי מענשען אליין...
קומט אַלע נאַכט אויס דעם מעער פון וויט צוגעהן —
איין אונגעזעהענער —
און ער קלאַפּט אין די טיר...
זיי שלאָפען אין אינערען — און הערען דאָס נישט —
דאָך ערוואַכען זיי גלייך ווען דער זייגער שלאָגט פיער...
ווענולאַרא
פון וועלכע וויטקייט קומט יעצט געזאַנג?
אין טיעפע נאַכט — עס איז מיר פרעמד.
און אַלע שטימען אין איינהייטס־קלאַנג.
עס איז מיר פרעמד — עס איז מיר פרעמד...
מאַנאַוועז
איין וואַנדער־גרופּע פיליכט אין וועג.
דער פריהלינג איז ליעב — ס׳הערץ איז פריי —
זינגט זיך אַ ליעד — און עס זינגט זיך לייכט
און ס׳געהט דער וועג זעהר שנעל פאַרביי. —
כאָהר (אונגעזעהען)
„די פערוואַנדלונג האָט די נאַכט באַלד שוין דערגרייכט
דאָך די קומענדע פינסטערניש שטייגט יעצט וואָס מעהר...
זון־אויפגאַנג נאָהנט אין אַ רויט־וואָגען געשפּאַנט. —
דער הימעל איז אָהן שטערען, דער הימעל איז לעער...
ס׳געזעגענט זיך די נאַכט, בויגענדיג דעם קאָפּ —
און אַ פינסטערניש איז ארום און איבעראל,
ווי גוט און געזונד שלאָפט דאָס דער שלעפער יעצט, —
אין דער פריה ערוועקט איהם דער זון־שטראַהלענדער שטראַהל.
מאַנאַוועז
ווי פיהל איך מיך דאָס עקסטרעמיש היינט...
בין איך וואָס שוואך — ווער איך גלייך מעכטיג,

אײן פרעמדע מאכט בעהערשט מיך פרעמד
אָה דיעזע קראַפט שײנט מיר פערדעכטיג . . .

וועגולאַרא
פערדעכטיגט שײנט מיר דײן שוואַכקײט יעצט
מוז דאָך די קראַפט שוואַכקײט פערהילען,
און ווי גלײך עס זאָל אַ מענש ניט זײן
ער מוז זיך אויך עקסטרעמיש פיהלען . . .

מאַנאָוועַן
ס'איז אַ מאָמענט ווען זעעלע און גײסט
אידעע־געפיהל, מאַרגען און נעכטען
ווילען זיך שליסען אין אײן בעגריף.

וועגולאַרא
ס'איז אײן וואונש פעסט זיך צו בעמעכטען
אָדער איך האָב אײן אירטהום פיליכט —
עס זאָל הײסען אַ זעלבסט בעצוועקען,
אימאַנענטער דראַנג צום איבער איך —
אין „זעלבסט געריכט" די שולדען דעקען
מיט וואָס פערשולדיגט נאַטור האָט זיך . . . .

מאַנאָוועַן
בלײבט יעצט אַלעס ניט צום בעשליסען, —
דאָס בעצווײפלען אהין און אהער
דערגעגענט זיכער צום פערדריסען . . .

וועגולאַרא
אָה קײן מאָל האָב איך ניט געליעבט
דאָס גריבלען זיך אין דעם געדאַנק —
כ'פיהל מיך בעצווינגען — אָנגעשטרענגט,
כ'בין יעצט אין בענקשאַפט — ס'איז מיר באַנג . . .

מאַנאָוועַן (געגעהנט, גרײפט לאַנגזאַם וועגולאַראַ'ס האַנד)
איז דאָס די אורזאַכע? פיליכט —
וואָס מאַכט דיך אַזוי בלאַס און צאַרט —
ביסט ערשראָקען פון דעם טרוים נאָך
צו פון יעצטיגען געגען־וואַרט?

וועגולאַרא
דאָס געוויס ניט — פרעמדעס איז עס
כ'האָב צום הימעל לאַנג געבליקט הײנט,
ווי איך ליעב דאָס — איז דיר בעקאַנט
בין איך איבערשטרענגט ווי מיר שײנט . . .
און איך בין אויך זעהר לאַנג שוין דאָ
גלײך ווי דער אַבענד האָט דערגרײכט,
און פון ערפרישטען פריהלינגס טהוי
איז דאָס מײן אויג מיר עטוואָס פײכט.

מאַנאָוועץ
ווען איך בין געקומען פון וועג גור, —
האָט לויטער דיין געזיכט געשיינט...
און לייכטען שלאָף דעם קאָפּף געלעהנט —
דו טרויםסט פון גוטס האָב איך געמיינט...

וועגולאַרא
פון גוטעס האָב איך אויך געטרוימט.

מאַנאָוועץ
האָסט דאָך אלעם נישט ערצעהלט מיר —?

וועגולאַרא
אָה דאָס האָב איך שוין זעהר פערזוימט....

מאַנאָוועץ
כ׳וואָלט קישען פון דיין אויג דעם טהוי
די בליטהען פון דעם בליהונגס דופט
וואָס. בעפייכט האָט די נאטור היינט
עטהעריש ריין די פריהלינגס לופט. —
דיין מילדעס אויג פון הימעל בלאָה
און פורפור וואָלקענדיגען־שיין,
דיין זילבער ברעם איז פייער ווייס, —
פייערליך שיינסט דו מיר צו זיין....

וועגולאַרא
זעהסט דו מיך אזוי זונען־העל?
און א פינסטערער־בלאַסע נאכט —
עס וואונדערט מיך דיין אויגען מאכט.

מאַנאָוועץ
ס׳איז אליין דיין אייגענע קראַפט.

וועגולאַרא
כ׳ווייס עס — אז פון דיר אליין נור
ווער איך אזוי ארטיג ערבליקט
עס האָט דאָ אויך דיין איך א טהייל....

מאַנאָוועץ
גאַנץ זיכער בין איך דאָך ענטציקט
ווען כ׳זעה דיך מיט מיין אייגען אויג
אלס עבען בילד, — מיט דיר בוינאַנד...
אָה, געליעבטע וועגולאַראַ!
מוטער־צערטליך איז דאָך דיין האנד
קענסט דו דאָס בילד מאַדאָנען „טרויסט״?
וואָס בערגט אין זיך אייגענעם שמערץ....

וועגולאַרא
איך בין זעהר לויטער יעצט געשטימט,
דאָך פיעל בעוועגט זיך מיר מיין הערץ....
עס פערגעניגט מיך יעצט מיין וואך־זיין

צו זעהן דאָס דעמערין פון דער נאכט,
גאנץ בעזונדער אין פריהלינגג היינט —
ס'בעווירקט מיך דאָך א שעהנע מאכט...
(זי געהט צו צום ים)
האָ־האָ־האָ! האָ־האָ־האָ! כ'הער דיין שאַלען,
אָה געוואלטיגעס מעער אין שטורמישע וועלען
קום איך צו זעהן דיין מעכטיגעס פאלען
דונער געמירמעל פון די ריעזיגע קוועלען....
— נאָך בעגרענעצט איז מיר דיין האָריזאָנט —
מוטער נאטור! ליעבסט דו מיך נאָך אזוי גערען?
האָסט מיך אלס קינד מיט צערטליכקייט בעלאָהנט
און געבענשט האָבען מיך אלע הימעל שטערען....
האָ־האָ־האָ! האָ־האָ! שוועבענדע וואָלקען
ריעזיגע מחנות — ווי אין הערבסטליכען הימעל —
ציהען זיך, שארען שוועבענדע וואָלקען
ווי זיי וואָלטען זיך שרעקען פון מעער געטומעל....
האָ־האָ־האָ! וואכט אויף אָה יוגענד טרוימען
ווי איז אָה נאטור מיט דיר מיין הערץ צוזאמען, —
זאָל מיין ליעבע פאר דיר נישט פערזוימען
אין פארברענען אין טויזענד העלישע פלאמען....
(ענדערט נערוועז איהר שטימע)
אָך ווי פיהלט מיין הערץ — מיין גייסט איין אָהנען —
קען איך בעשיידען מיין רעטזעלהאפטעס פיהלען?
ווי וואָלט מיין וויסען גערען פערשטאַנען
מיינע זעעלען אָהנונגען מיר צו ענטהילען....
מאַנאָווען (פליצלינג)
דאָ שטעהט ער מיין עבען שאָטען....
מיין עבען בילד... יאָ דאָס בין איך....
כ'וויל דיך זעהען, כ'וויל דיך קענען.
ביסט ביי מיין זייט — בעגרייף איך דיך?
(וועגולאָרא דערשרעקט זיך)

מאַנאָווען
דאָ איז ער — מיין גייסט בעזונדער,
אויך מיין זעעלע זעהר לויטער ריין....
נישט פרעמד איז מיר ס'בילד צו זעהען,
און איך בין יעצט נאָר שטאָף אליין....
איך געבוירען אין צייט־בעגריעף
הילפלאָז און שוואך ערבליקט דאָס ליכט...
און נישט אין פרייהייט — נישט אין גליק —
און יעצט בין איך זעלבסט־געריכט....
וועגולאָרא
ווי מעכטיג איז נאַטור אַרום —

און דו נור זעלבסט פערטיעפט אין דיר...

מאַנאַוועז

האָט מיין זעעלע זיך געשאַפען —
פון רוים אין אויסען־בילד אין מיר?
פון קליאַנג, טאָן, הימעל און שטערען
אַ געשעפף פון אידעע און טרוים, —
געדאַנק — ליעבע — אָה מיין זעעלע!
וואָס איז די בליהונג פון דעם בוים?
האָסט דעם פריהלינג נור געזעהען
ווייט — איבער האָריזאָנטען ווייט...
איבער די ערד ים און הימעל
וואָס ווייסט נישט פון קיין רוים און צייט.
יוגענד־מענש פון לויטער האָפנונג —
יוגענד־מענש! דו בלייבסט ווען פערשעהמט —
צו דיין ערשטען טאָג פון לעבען,
און דיין האָפנונג איז גלייך געלעהמט
וועלכע האָפנונג? יענע האָפנונג —
וואָס רוהט פרעמד אין אייגענע ברוסט
און רוהט דאָרט אין שוים פון יוגענד,
און לעבט אויך דאָרט וואו ס׳איז קיין לוסט —
מעהר נישט פאַר׳ן קאַפריעז פון נאַטור...
אלס א מאַרטירער... צו פאַר גליק...
ווידער קומט דער שוואַרצער וואָלקען
און אלץ געאירט ביי׳ם ערשטען בליק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איין יונגער מענש פון ערשט יוגענד
אין די יאָהרען געווען בין איך —
פון צעהן ביז צוועלף — און שוין איינזאַם —
בין איך געווען פאַר מיר אין זיך....
און מיין גייסט... עס האָט מיין זעעלע
מיך פעראייינזאַמט — כ׳האָב נישט געהערט,
קיין מענשען שפּראַך, מענשען שטימע
נור זעלבסט פערטיעפט, און זעלבסט פערקלעהרט,
— אָבער נישט פערטיעפט, נישט פערקלעהרט....
איך האָב אָה דאַמאָלסט וואָס געהערט
מיין גייסטיג אויג האָט וואָס געזעהען,
און מיין אויסזעהן האָט זיך פערצעהרט
פאַר ענטציקונג, און פאַר ליעבע —
פאַר די בענקשאַפט — מיין אויג איז פייכט —
פאַר דעם בליץ פון יענע שטראַהלען,
און א בילד האָט מיין טרוים דערגרייכט....
אָה הימעל פון בלוען עטהער!

טראָגסט שעהנהייט אין דיין עדעל־שוים,
אין דיין צארטען ליעבעס קומער
שווינסט אויך הערליך און עדעל גרוים....
(די נור וואָס שוואכע וואָלקענס פערשוואונדען, דער
„ספינקס“ ווערט שטארק בעשטראהלט פון מאָנד־שיין
און די העלע שטערען.)

דער ספינקס
דערגרייכט האָט שוין די מיט־נאכט שטונדע
און מיט פינסטערניש איז אלץ געהילט,
און שלאָפען שלאָפט דער מענש גאַנץ רוהיג
זיין זעעלע וואכט — זיין זעעלע וואָס פיהלט...

דאָס עכאָ
דערגרייכט האָט שוין די מיט־נאַכט שטונדע
האלב פינסטער איז איהר זילבערנער בליק,
און זעהר הערליך קרייזלען די שאָטענס —
די בוימער אַרום מיט שטילען גליק...

דער ספינקס
רוהט די ערד אין א טיעפעס שווייגען
עס רוהט קיין שלאָף אין דיין מוטער־שויס
האָסט דו ערדען־גייסט פיעל צו רעדען?
אזוי קום שוין אָה ערד־גייסט ארוים...

דאָס עכאָ
רוהט די ערד אין א טיעפעס שווייגען
אָה מוטער ליעבסטע! רעד אוים איין וואָרט —
און ביסט דו בייז מיר אָדער צערטליך?
גרוס מיך מוטערהאפט אויף יעדען אָרט....

דער ערד גייסט (שפּרינגט ארוים פון אונטער די ערד)
איך האָב זעהר פיעלעס נישט צו רעדען
דאָך פיעלעס זאָגט דער שטימער נישט גערעדט,
און וואָס עס בלייבט נאָך טיעף פערבאָרגען
קען דאָך ווערען פיעל־וויינג ענטדעקט...

דאָס עכאָ
איך האָב זעהר פיעלעס נישט צו רעדען
דאָך טראָגסט דו ווינד אויך מיין האלבע שפּראך,
און איבער וויטע בערג און טהאָלען
ווערט קלאָהר פערשטענדליך פון זאך צו זאך....

דער ערד גייסט
ס'אייניגט זיך שטאָף און גייסט און שיידען
זעהר פרעמדליך טראַגיש אין יעדע צייט
און ס'בלייבט פאר מיר אייביגקייט רעטזעל.
אין געטליכע זעעלע אל־צו וויים....

דאָס עכאָ
ס׳איינגט זיך שטאָף און גייסט און שיידען,
אין בעוועגונג געהט די וואנדלונג ביי
איך זעה ארום מיר אלע וועלטען,
און איך ווייס נישט צו איך בין מיט זיי — !

דער ספינקס
רוף מיר ארויס די טויטע וועזענס
אויס די קברים און בעגייסטיג זיי,
דעם מענש געשלעכט נור זאָלסט דו רופען
נור שנעל אין צייט — ווייל ס׳איז גלייך פארביי — !

דאָס עכאָ
רוף מיר אַרויס די טויטע וועזענס
טויטע הערען נישט מיין עכאָ קליאנג
ס׳מתים געזאנג וועל איך פערנעמען
זייער פערגענגליך ליעד — „ס׳איז מיר באַנג“ . . .

דער ערד גייסט
ערשיינט איהר טויטע און ענטזעעלטע
אויס מוטער שויס פון אייביגע רוה
און א לעבען זאָל אייך בעהעפטען —
מיט א שפראך בעוועלטיגט קומען דאָ . . . .

דאָס עכאָ
ערשיינט איהר טויטע און ענטזעעלטע
א ווידער בעלעבען רופט אייך איין
קומט איהר אלע אין קרייז געזאמעלט
נור נישט אין טרויער — לויטער געוויין . . . .

די מתים (שפרינגען ארויס פון אונטער די ערד)
מיר קומען פון דיר אויסגערופען
אהערצו אין א לעבענדען שטאנד,
און ס׳קלעמט אונז דאָס טרויעריגע שיקזאל
און עס דריקט אונז דיין ערדישע האנד . . . .
און ס׳לעבצט די בענקשאפט נאָך די זעעלע —
וואָס איז לאנג שוין נישט דאָ — אָה לאנג שוין . . . .
בעגעהר איז יוגענד טרוים צו האָלזען
וואָס איז לאנג שוין נישט דאָ — אָה לאנג שוין . . . .
ס׳אויג בעגעהרט אין די נאַכט צו זעהען
שטראהלען פון טאָג און העלישע זין,
קומט אין א געדענקען דער פריהלינג —
דאָך ווייט — צו ווייט — פאר ווידער־געווין . . .

פרויען כאָהר
און ס׳לעבצט נאָך די זעעלע די בענקשאפט
וואָס איז לאנג שוין נישט דאָ — אָה לאנג שוין,

בעגעהר איז יוגענד טרוים צו האלזען
וואָס איז לאנג שוין נישט דאָ — אָה לאנג שוין ....

אַלע

ס'איז די געטליכקייט נישט צו גרייפען
און די נאטור איז זעהר שטום און קאַלט,
ווי מיר וועגדען — און ווי מיר קומען
וואנדעלט א סקעלעט אין שווארץ געשטאַלט ....

פרויען כאָהר

און ס'לעכצט די בענקשאַפט נאָך די זעעלע
אָה לאנג שוין — וואָס איז לאנג שוין נישט דאָ ...
בעגעהר איז "יוגענד טרוים" צו האלזען
אָה, לאַנג שוין — וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ...

וועגולאַרא

אָה נאַטור! מיך שרעקסט דו יעצט מיט גײסטער —
אויס א טרוימען שלאָף בין איך ערוואכט...
איך בין מעכטיג און אָהן־ערשראָקען
זאָגאר אין דיין פאנטאַסטישע נאַכט...
ס'וועט מיך נישט דיין פינסטערניש בלענדען
— דאָ שאַף איך מיר זעלבסט מיין הויכע מאכט...
און דיינע פאנטאסטישע געשטאלטען
פערשוואונדען מיט דיר צוגלייך — אָה נאַכט...!
פליסטערין וואָלט איך דאָך אין ווערטער
וואָס מיין זעעלע בעגעהרט אין גערדאַנק
בין איך נישט אין העכערע שטימונג
און איך מוז נאָר זאָגען — ס'איז מיר באנג...
— רוהט מיין גייסט אין הייליגע וועלדער
און שטרעבט צו דעם הימעל טאָג און נאכט,
אין בלומען בעקראנצט איז מיין שטערען
האַלז און ברוסט מיט פערעל־ווייסע פראכט
אין די טהאָלען און אויף די בערגער
דאָרטען לעב איך מיט געזאנג און וואָרט,
ווי ס'האַרמאָנירען אלע דופטען
און בלום מיט בלום אויף א יעדען אָרט
און צום מאָרגענס בעגינט געווימעל
פון א גרויסען כאָהר אין יעדען טהאָל,
עס זשומען מיט די שמעטערלינגען
און פויגעל געפליסטער אהן א צאָהל....

דער ספינקס

נישט דאָס בעגעהר איך דאָך צו וויסען
וואָס איז לאנגע צייטען מיר בעוואוסט,
בעגרייף איך מעהר אין שטומע רעגונג
די הערליכע שטימע פון דיין ברוסט.

ווענולאַרא

אָה ווילסט דו מיך דאָס בעוועלטיגען
מיט רעטזועל־זין און פינסטערע מאַכט,
ניין! דאָס ווערסט דו קיין מאָל נישט קענען —,
מיין גייסט איז מיט מיר אין טאָג און נאַכט....

דער ספינקס

נישט קיין מאָהל רוהט מיין טיעפעס פאָרשען —
צו דעם עמפפינדען פון איינס און אל,
און ס׳שטייגט וואָס מעהר מיין וויסענס־לעכצען,
ס׳שטילט נישט מיין דורשט דער ריעזיגסטער קוואל...
און קום איך אייגען פאר דעם שפיעגעל
בליקט נאָך מיין ווידער בילד אלץ בעפרעמדט,
און וואָס עס קלאָהרט מיר אין מיין וויסען
איז נאָך פערבאָרגען אין זיך געקלעמט.
און כ׳זעה דאָס לאנד מיט זיינע טעמפלען
מאַרמאָר פּאַלאַצען אין גאָלדענעם שיין,
ס׳שימערען די בלאַנקע קופּאָלען
עס טריאומפירט דאָס לעבענדע זיין...
ס׳איז אלס די אויסערליכע טענער
א שטראהל נור פון די גרויסע וועלטען זין,
ס׳וואַנדעלט דער טאָג אין א פינסטערניש
און קומט ווידער אין זעלבען געווין...

דאָס עכאָ

ס׳איז אלס די אויסערליכע טענער
דאָס טיעף געאַהנטע בלייבט העכסטע לוסט
און נישט פערשטענדליך — נישט ערגרונדליך
בעוועגט זיך דאָס הערץ אין וועלטען־ברוסט...

דער ספינקס

נון יעצט אָה ערד גייסט קענסט פערשוואונדען —
צוריק אין דיין הייל אין אייגענעם שטאַם,
פון ווי דו ביסט צו מיר געקומען
ווי אויס דעם גרונד פון א טיעפען ים....

דער ערד גייסט

דאָך יאָ פערשוואונדען וועל איך זיכער
צוריק אין אייגענעם געוועזענעם אָרט
און גאנץ געוויס פאר דיר ערשיינען
ווען ס׳רופט נאָך מיר דיין בעגעהרונגס וואָרט...!
(דער ערד גייסט און די מתים פערשוואונדען —
פארהאנג פאלט לאנגזאם.)

דער שטאַם „שאַרפּים רבים“

דער הויפּטמאַן פון די געמיינדע „שאַרפּים רבים“ האָט געטראָגען דעם טיטעל „פּירפּיפנאָטער“. זיין ערשיינונג האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף דעם גאַנצען שטאַם. ער איז ניט נאָר געוועזן העכער אין וואוקס, נאָר ער האָט אויך געהאַט אַ בעזונדערן אויסזעהן. זיינע אויגען זיינען געוועזן גראָה און פינסטער, ווי די לעצטע וואָלקען פאַר דעם געוויטער. זיין שטערען אין קאָפּ איז געוועזן גלייך צו אַ באַרג בליי וואָס דריקט מיט אַ שווערעס געוויכט די זינדיגע ערד, און זיין שטימע איז ניט געוועזן הויך, אָבער דאָך גלייך צו דעם אונטער־ערדישען דונער וואָס ברומט אַזוי מורא׳דיג, און ביי זיינע טריט האָט זיך די ערד געריהרט... און ווען דער שטאַם האָט זיך דערוואוסט אַז עס קומט דער גרויסער פּיר־פּיפנאָטער, האָט אונגעוועהנליכעס פּאַסירט...!

אַלזאָ, דער שטאַם „שאַרפּים רבים“ האָט אין גאַנצען געלעבט אונטער דעם איינפלוס און גייסט פון זייער הויפּטמאַן, און זעלבסטשטענדיג גאָר נישט געוועזן; נישט געוואָלט און נישט געקענט זיין זעלבסטשטענדיג. און האָט זיך ווער עס איז איינגעקויפּט אין די געמיינדע. דער האָט אין גאַנצען געמוזט זיין אייגענעם גייסט אויפגעבען. און זייער לאַנד איז נישט גרויס געוועזן, דאָך שטענדיג בעפעסטיגט.

ויהי היום, און עס איז געוועזן דער טאָג — אַ טאָג, זון־בעשטראַהלט און פריהלינגס־בעגליקט, — ווען עס איז פּלוצלונג פערביי געריטען אַ יונגע פרוי פון ווייסער שעהנהייט אויף אַ ריעזען־קענטויר. אין די שריט פון קענטויר האָט געקלונגען זיכערהייט און מאַכט, און עס וואָלט קיינער נישט געצווייפעלט אויב ער איז נישט בערעכטיגט אין זיין שטאָלצען גאַנג. און די יונגפרוי איז געוועזן געשטימט ווי אַ קעניגין פון אַלגעמיינעם רעכט, און איהר שטאָלץ האָט אויסגעוויזען זיך נישט צו קענען ברעכען זאָגאַר אונטער די שלעכטסטע גאָטלאָזיגקייט. אָבער טראָטץ זייערע געבאָרענע אייגענשאַפטען זענען זיי דאָך אַרעסטירט געוואָרען פון אַ שטאַרקע בעוואָפענטע מיליץ, אַרום געריגגעלט און געפיהרט געוואָרען פאַר דעם פּאַלאַץ פון זייער הויפּטמאַן. — עס קומט דער הויפּט־מאַן אין זיין הערשאַפטליכען אוניפאָרם, בעוואָפענט מיט פייל און בויגען און אַ קופּערנעם פּאַנציר, אין זיין קאָפּ טראָגט ער אַ פעדער־הוט פון פערשיעדענע קאָלירען, אין זיינע אויערען בלאַנקען גאָלדענע רינגען, אין זיין צופיעל לאַנגע נאָז — אַ זילבערנער רינג פון גרעסערען פאָרם...

בעוועגלאָז שטעהען די צוויי געפאַנגענע, בעוועגלאָז שטעהט דער גאַנצער שטאַם „שאַרפּים רבים“, וועלכע האָבען נאָך זיכער קיין מאָהל נישט געזעהען אַזאַ שעהנע און צאַרטע יונגפרוי און אַזאַ ריעזיגען קענ־טואַר. ס׳איז שטיל. אַלע שוייגען, עס פעהלט זיי זיכער דאָס וואָרט — אין דעם איז קיין צווייפעל...

פּלוצלונג גיבט זיך דער הויפּטמאַן אַ דרעה רעכטס און לינקס און בליקט מיט שטאַר־אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דעם גאַנצען שטאַם „שאַר־פּים רבים“.

— פון וואו זייט איהר? — פרעגט זיך יעצט פּירפּיפּנאָטער ביי זיינע ערעל־געפאַנגענע, — זי זעהען אויס ווי אַ פּרינצעסין פון מזרח־לאַנד... און ווירקליך האָב איך נאָך קיין מאָהל נישט געזעהען אַ פּרינצעסין, דאָך עמפּפינד איך שוין דאָס, און ווען איך האָב אַמאָהל געגאַכטיגט ביי מיין עלטסטען חכם, האָט זיך מיר דאַמאַלסט, געדענק איך, צום ערשטען מאָהל געחלומ׳ט פון אַ פּרינצעסין... (די געפאַנגענע ענטפערען מיט קיין וואָרט נישט.)

— וואָרום ענטפערט איהר מיר נישט? — פרעגט זיך ווידער פּירפּיפּנאָטער אַביסעל שוין נערוועז, — ווייסט איהר דען נישט ווער עס רעד צו אייך? ווער האָט אייך אַהער געשיקט צו מיר? איז עס נישט דער וואַלד־גאָט — מיין אַלטער פריינד... אָדער פיליכט דער גאָט פון די בערג וועמען איך האָב אַמאָל אַוועק געשענקט אַ זאַק מיט שוואַמען...

— וואָס זאָל איך אייך אָבער זאָגען, דעם אמת מוז איך אייך יאָ זאָגען: איך בין ווירקליך צופרידען וואָס איהר זייט געקומען צו מיר, און איך וויל טאַקע אַז איהר זאָלט זיין מיין געליעבטע, און ווען די געטער וועלען בעשטימען קענט איהר נאָך דאָ ווערען אַ קעניגין ביי מיר...!

דאָ האָט זיך פלוצלונג דער קענטואַר געגעבען אַ שטעל אויף צוויי פיס און אַ שפּרונג אין די הויך און אָנגעהויבען מורא׳דיג צו ברומען און הירזשען און גלאָצען מיט די אויגען און שפּרינגען מיט זיינע פיס אַהער און אַהין, ווי האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט. — אַזוי האָט זיך מאָמענטאַל דער גאַנצער שטאַם „שאַרפּיס רבים“ געגעבען אַ הויב מיט אַזאַ שנעליגקייט און אַנטלאָפען ווי נאָר די הירזשען זענען פעהיג. — דער הויפּטמאַן איז דאָך געבליבען אָבער שטאַרק צומישט. דאָ איז דער קענטואַר צוגעלאָפען צו איהם און געגעבען אַ משונה׳דיגען הוסט און פּירפּיפּנאָטער האָט זיך געגעבען אַ דרעה רעכטס און לינקס און איז אויך אַנטלאָפען...

די פּרינצעסין האָט זיך זעהר צולאַכט און זיך געגעבען אַ זעץ אויף דעם קענטואַר און גאַלאָפּירט אין איהר אייגענעם קעניגרייך.

דער אורטהייל

אין דעם טייך „נאַהאָוואַ“ (פיליכט אַמאָל געווען אַזאַ טייך...), וואו דאָס וואַסער איז געווען לויטער ווי קריסטאַל, האָבען דרייסיג קאַטשקעס געהיימט זייער היים, — צעהן זענען וויים געווען. צעהן זענען גראָה געווען, און צעהן זענען שוואַרץ און גראָה געווען...

ויהי היום, און עס איז געווען דער טאָג ווען עס האָט זיך פלוצלונג אָנגעהויבען פיהלען אַ גרויסע אונצופרידענהייט צווישען זיי, און ווען זיי האָבען אָנגעהויבען זוכען, פאָרשען און אויסצוגעפינען וואָס די אורזאַכע איז? האָבען זיי ענטדעקט אַז איין קאַטשקע פון זייער גענאָסענשאַפט האָט מיט צוויי טעג פריהער איבערטרעטען דעם גרענעץ וואָס רופט זיך „געהיימער צייכען“. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסער קריעג

און געוואַלד. דער קריעג האָט אָנגענומען אַ מורא׳דיגען כאַראַקטער און צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם שרעק און צווייפעל, וואָס האָט זיך אַזוי פלוצלונג פערשפּריוט, איז עס געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ געפעהרליכער. דאָך די זינדיגע קאַטשקע, וואָס האָט געמאַכט דעם פערברעכען, האָט זיך גאָר נישט געשראָקען און זיך זאָגאַר נישט צוגעהערט צום אַלגעמיינעם געשפּרעך. (נאָך מעהר, זי האָט זיי גענצליך איגנאָרירט...) דאָ איז די גאַנצע מענגע אַרוים מיט אַ פּראָטעסט: — האַ? ווי וואַגסט דו אַזאַ פאַל צו מאַכען און אונז אַריין צו ברענגען אין אַזאַ אונגליקליכע לאַגע? — די זינדיגע קאַטשקע האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט זיך נאָר איינינגע מאָהל אונטער׳ן וואַסער אונטערגעטונקען און צוריקגעקומען אין רוהשטאַנד, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. — אויב אַזוי, נעהמט איהר אַרונטער איהר גייסטיגען קאָפּ, — רופט אוים איין בירגערליכע קאַטשקע וואָס איז בעקאַנט אַלס „קלוגע באַראַבאַן“.

— וואַרט! — רופט אוים איין קאַטשקע. וואָס איז בעקאַנט אַלס די בעסטע שווימערין. — מיר מוזען זיך איבערקלעהרען: מיינע הערען און דאַמען, — פאַנגט אָן אַ בעקאַנטע אַדוואָקאַטין אין אַ געזעצטען טאָן, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים „ריטערין פון טייך „נאַהאָוואַ“ — אַרונטערצונעהמען דעם גייסטיגען קאָפּ פון אַ וועזען איז דאָס ברוטאַלסטע פערברעכען, די שוידערליכסטע באַרבאַריי, קורץ געפאַסט עס איז איין אינקוויזיטאָרישע דעמאָניע אין שרעקליכסטען פאָרם...!

— שטעהטם! עס איז דאָ אַ פּלאַן! — רופט זיך אָן איין קאַטשקע, וועלכע ווערט בעצייכענט אַלס די גרעסטע ערפינדערין. — מיינע הערען און דאַמען! מיט צוויי טעג פריהער האָב איך בעמערקט אויף דעם הימעל רויטע צייכענס און שטערען־ערשיינונגען וועלכע האָבען מיר רעטזעלהאַפט געגעבען צו פערשטעהן די שרעקליכע געשעהעניש וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט, און וואָס עס שטעהט נאָך אונז אוים איבערצוקומען. ווי איהר זעהט האָב איך אַלזאָ נאָך דאָס פריהער געוואוסט, אַזוי האָב איך גלייך פאַבריצירט אַ קאָפּ... און ווען מיר וועלען אַרונטערנעהמען דעם גייסטיגען קאָפּ פון אונזער זינדיגע פריינדין, אַזוי פּאַסט מיין פאַבריצירטער קאָפּ אויף די זעלבע שטעל אַזוי ווי פון גאָט׳ס האַנד, אַזוי ווי פון גאָט׳ס האַנד...!

הערנדיג די לאָגישע רייד, איז די גאַנצע קאַטשקע געזעלשאַפט געקומען אין אַ גרויסען פרייד און אָנגעהויבען בעגייסטערט רופען: הוראַ־הוראַ — עס לעבע אונזער גרעסטע ערפינדערין! הוראַ־הוראַ!

און דאָ האָבען זיך אַלע איינינגע מאָהל אונטער׳ן וואַסער אונטערגעטונקט, און די אונצופרידענהייט איז גלייך פערשוואונדען..!

נאָך אַמעריקאַ

(אַ פאַנטאַסטישע בעגעגענהייט)

נון ריהרט זיך שוין די שיף און מאַכט דעם ערשטען שריט פאָרט צו געהן פון אונזער געליעבטע אייראָפּעאישע ערד. — און וואָס פיהל איך, ליעבע אָדער האַס? דאָס ווייס איך נאָך זעלבסט נישט קלאָהר און בעשטימט... איין זאַך איז זיכער — אַז איך בין זעהר נישט גלייכגיל־טיג יעצט... און וואָס דענק איך? — יאָ, איך דענק און בליק מיט מיינע שטאַר־געשטרענגטע אויגען צו די אייראָפּעאישע ערד, — צו דעם קלוגען אַלטען מיט זיין ווייס־זילבערנע באָרד, און איך וואָלט מיט איהם שפּרעכען, אָבער איך האָב מורא אַז ער זאָל מיך נישט איגנאָרירען און צו קליינגווירדיג מאַכען...

נון, יאָ — איך מוז טראַכטען, איך דאַרף דענקען איבער מיין געגענ־וואַרט און צוקונפט און אויך פערגאַנגענהייט... און ווייטער בין איך דאָך אין איין שיף אויף דעם אַטלאַנטישען ים...! און איין פאַטער־לאַנד לעבט אין מיין פאַנטאַזיע, — אויסער אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך עס ווירקליך און רעאַל אין ערגעץ נישט געזעהען. צופעליג האָב איך אויך קיין מאָל נישט קיין זעה־גלעזער געטראָגען... און געפין איך פּילייכט נאָך איינעם אַ ווירקליכעס פאַטערלאַנד? — דאָ שטייגט אויס די אונרוהיגע כוואַליעס פון ים איין נימפּפע און פליסטערט, אי־בער־מענשליך גוט צו מיר — דו ווערסט געפינען מיין ליעבסטער...!

— אַך, איך וואָלט דיך קושען, ליעבסטע נימפּפע, וואונדערליכע שעהנהייט... אָבער איך בין יעצט אַסקעטיש אין מיינע אידעיאַלען און ווידער האָב איך אויך יעצט קאָנצענטרירט מיין ליעבע צו די צוקונפט... אָבער איך וועל דיר דאַנקען מיט גייסטיגקייט, — אַזוי ווי דו ביסט אַ גליעד פון פרויענטהום וועל איך אַמאָהל איין שעהנע הימנע איבער פרויענטהום שאַפען.

—אָבער, געליעבטער, איך בין נאָר אַ מיטגליעד פון פרויענטהום — די ערדישע פרויען זענען דאָך נישט גלייך צו מיר. מיינע אנשויאונגען און אידעיאַלען זענען אויך אַנדערע.

— קענסט דו אויך שפּרעכען איבער אידעיאַלען און אַנשויאונגען? זיינען דיר די מאָדערנע אידעיאַלען בעקאַנט? גיבט עס אין ים אויך איין ביליאָטהעק? און אויך אַ פּרעסע — און לעזט דו זי ווירקליך...?

— ניין עס גיבט נישט אין ים איין ביליאָטהעק און אויך נישט קיין פּרעסע.

— אָדער ביסט דו פּילייכט איופּערזיכטיג אויף דיינע ערדישע שוועס־טערען?

— דאָס געוויס נישט — נאָר עס איז מיר שוין פּיעל — זעהר פּיעל בעקאַנט פון די גוטמוטהיגע ערד... איך האָב שוין זאָגאַר דאָרטען פּיעל צערטליכקייטען קענען געלערנט...

— אַלזאָ — ?
— האָסט דו נאָר מיך צו ליעבען..!
— און קען איך נאָך עטוואָס דענקען איבער דעם ?

— — — — — — — — — — — — — — — —

אײדער איך האָב מיך אומגעבליקט איז די הערליכע נימפּפע פערשוואונדען אין טיעפען ים... איך האָב נאָך געהאַט וואָס צו שפּרעכען מיט איהר, אָבער זי וועט מיך שוין יעצט געווים נישט קענען הערען... זי איז שוין נישט געווען צו זעהען... נון זיפץ איך און בליק מיך אום — איך זעה שוין יעצט נאָר דעם הימעל און ים אַלײן...!
(פעברואַר 1913, אויף די שיף „טוניזיען".)

צום פריהלינג

איך גריס דיך, גרויסער, שעהנער פריהלינג!
ביסט דאָך אימער גוט דאָס גליק צו שפּינען.
וואָהנסט דאָך אויך אויף נאָיאָרק'ס פינפטע עוועניאָ
ביי די אַמעריקאַ גאַלאַנטינען...
און איז דאָס פיליכט צו פריי געשפּראָכען ?
אַזוי שפּרעך איך דאָס צוריק... ס'איז נישט צו שפּעהט...
דו לאַכסט ? געסטערן בין איך אײן בודהאַ —
הײנט גריעך — הא ? מאָרגען ביבלישער פּראָפעהט ?
זאָג איך דיר, אַז ס'האָט אויך קעניג שלמה
אײנגערוימט די שעהנע פרויען זעעלען
אײן מאָהל אַ וואָרט פון מענשליכען געמיהט,
טראָטץ דעם וואָס זײ האָבען'ס נישט פערהעלען...
ס'איז שעהן די חכמה מלך שלמה'ס,
אויך שעהן איז געזאַנג און ס'האַרפען־ווימלען.
זינג אויך מיר, אָה וועלט, דאָס ליעד פון ליעבע,
ווי די וואונדערליכסטע שעהנסטע הימלען...!

בלאַסע בליצען

די פריינדשאַפט אין די פרימיטיווע צייט האָט זיך געבילדעט פון שרעק און מורא; אין מיטעלאַלטער — צו געווינען מאַכט און קראַפט; אין אונזער צייט איז די פריינדשאַפט אום צו דעמאָנסטרירען די פאַלשקייט.

קומען דאַרף נאָך די פריינדשאַפט צוליעב פריינדשאַפט, און פאָלגליך די ריין איבערמענשליכע און געטליכע פריינדשאַפט.

אין פרימיטיווען צושטאַנד איז די ליעבע געווען אַ בלינדע טריעב־קראַפט; אין מיטעלאַלטער — אַ מין זעהענדיגע טריעב־קראַפט; אין אונזער צייט איז שוין די ליעבע האַלב־מענשליך און האַלב איבער־ — אַ נײן! האַלב אונטער־מענשליך. — קומען דאַרף נאָך די ריין־מענשליכע ליעבע, און פאָלגליך די איבערמענשליכע און די אַלגעמיין געטליכע ליעבע.

עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט!.. האָט געזאָגט אַ גרויסער נביא — און וואָס פאַר אַ צייט האָט ער נישט געוואוסט, האָט ער זיך פאַר שאַנדע געמאַכט שלאָפען. — פיעל בעסער ווי ער וואָלט נישט וויסענדיג נביאות געזאָגט...

פאַר דעם קעניג פון איראָניע האָב איך געקרוינט אַ גאָנער, און פאַר זיינע נאָכפאָלגער — די גענז. און ווען איהר ווילט מיך איראָניזירען, קאָן איך אייך נאָר בלויז האַלטען פאַר גענז...

ביסט איינזאַם? מענש איינער! פאַרגעס נישט אַז דו קענסט יעדען „איך" פון דיינע מיט־מענשען פערוואַנדלען אין אַ העלפאַנט מיט אַ שרעקליך לאַנגע נאָז, און דאָ ביסט דו דער גרעסטער פיינד פון מענשליכען פראָגרעס...

ערקען זיך זעלבסט ! דאָס האָבען נאָך די אַלט גריכישע פילאָזאָפען געפּרײדיגט, און פאַר די הײנטיגע פילאָזאָפען איז שוין דאָס אײן אַלטע אידעע, די הײנטיגע פילאָזאָפען מוזען נאָר נײעס שאַפען. דעראיבער גע־פינען מיר לײדער הײנט אַזוי פיעל פילאָזאָפען װעלכע קאָנען זיך זעלבסט נישט.

בײ דעם פּאָעט קען זיך אַ פּלאַנעט ערלױבען צו טאַנצען אײן שאָ־פּענישען װאַלץ טראָטץ דעם װאָס אין די װירקליכקײטען געהט ער אין אַ גלײך בעװעגטען מאַרש.

בײ די מענשען װאָס דרעהען דעם ראָד פון פּראָגרעס טרעפט זיך אַ מאָהל אײן אומגליק אַז אײנער דרעהט זיך אַרײן צװישען דעם ראָד און עס דאַרף קאָסטען פיעל מיהע אײדער זײ שלעפּען איהם אַרױס. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ אַ קלײניגקײט װען אַ קעלבעל װאָלט זיך נישט געשטעלט אַקעגען און אױסגעשריגען אַ גרױסען מעע אַז די גאַנצע װעלט זאָל װערען אױפמערקזאַם. װײל אַלעס האָט זיך זײן בעשטימונג....

אַ גרױסער רעדנער האָט אַ מאָהל ערקלעהרט אױף אַ פערזאמלונג אַז די העכסטע שטופע פון מענשליכקײט װעט זײן דאמאלסט װען יעדער װעט זיך װײזען גאַנץ נאַקעט, — האָט די מאַסע איהם אױפגעפאָדערט אַז ער זאָל זײן דער ערשטער זיך צו בעװײזען גענצליך נאַקעט און זײ װעלען איהם גלײך נאָך טאַנצען, האָט ער זײ ערקלעהרט אַז זײ קענען נור דאמאלסט זײן נאַקעט װען זײ װעלען קײנעם נישט נאָך טאַנצען, און אַזױ נאָך האָט זיך דער רעדנער לאָגיש בעפרײט און די מאַסע האָט זיך דערװײל פערטראַכט...

דעם קינסטלער צו לערנען געפינען זיך אַ סך אַמאַטאָרען, דען װאָס האָבען זײ צו פערליערען דערבײ ?

זאָג נאָר, דו פּרעדיגער, לערנסט דעם מענשען קריכען צו די שפּיץ בערג — פערגעס נישט אַז די פלאַכע ערד װעט װערען אַ מדבר אָהן פרוכט און אָהן לעבען און דאמאלסט — אָה, דאמאלסט װעלען מיר שטאַרבען פאַר הונגער...

די מעהרסטע קריטיקער װערען געבױרען אום צו צײגען די װעלט אַז זי האָט אַ טעות װען זי זאָגט אַז זײ װײסען פון גאָר נישט....

(אינהאַלט פערצייכנים)

בילד פון אויטאָר — 1
פּאָעזיע (אוים מיין וועלט אידעאַל) — 5
דאָס אַריסטאָקראַטישע אין די מוזיק — 9
די „פּאָעטישע אימפּעריע“ און דער „פּאָעט אימפּעראַטאָר“ — 12
דאָס ראָמאַנטישע לאַנד — 13
אַפּריל — 16
אָה, פריהלינג, אויף ווידער־זעהן — 16
דאָס ליעד פון צופריעדענהייט — 17
פּאַסטאָראַל — 18
אַ בילד פון אַ שעהנע שטאָדט — 18
ריכאַרד וואַגנער אין גן עדן — 19
אָרפּעה — 20
ביי'ם קבר שאַרל באָדלערס — 21
צו די לעבענס ענדע פון י. ל. פּרץ — 21
בעטהאָווען — 22
ראָמאַנטישע וויזיאָן — 23
ביי דעם ברעג פון ים — 24
זומער טאָג — 26
דער קאַנאַריק אין שטייג — 26
פּרינץ וועגדימאר צו סעמיראַמיס נבוכדנצר — 27
ווענולאַראַ — 28
דער שטאַם „שאַרפּים רבים“ — 43
דער אורטהייל — 44
נאָך אַמעריקאַ — 46
צום פריהלינג — 47
בלאַסע בליצען — 48